STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01612

AGUDAS YISROEL

Solomon Rotenberg

*Permanent preservation of this book was made possible
by Stanley & Miriam Hirsch
in honor of
Roz & Dave Wagner's 50th wedding anniversary*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אגודת ישראל
ציוניזם און מזרחיזם

אַ ניכטערע באַטראַכטונג וועגען רעליגיעזע
און נאַציאָנאַלע רעפאָרם

פ ו ן

הרב שלמה ראטענבערג

ארויסגעגעבען דורך
„די אָרטאָדאָקסישע טריבונע"
ניו-יאָרק
תש"ה

Copyright 1945 *by the Author*

New York City

Published by

ORTHODOX TRIBUNE

113 West 42nd Street

New York 18, N. Y.

אַ וואָרט צום לעזער

טראָץ דעם פּראָוואָצירענדען טיטול אויפ׳ן שער־בלאַט, איז אָט די שריפט געשריבען און פּובליצירט געוואָרען מיט דער איינציגער כונה: צו שאַפען קלאָהרקייט אינ׳ם אידישען פאָלק.

ליידער איז דער מצב אזעלכער, אז אידען גיבען זיך נישט אָפּ קיין דין־וחשבון פון דעם וואָס עס קומט פאָר אינ׳ם אידישען פאָלקס־לעבען. פון דער צווייטער זייט שטעהט דער מעכטיגער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט פון געוויסע „אידישע" אָרגאַניזאַציעס, וועלכע לייגען ארויף זייער חותם אויפ׳ן דענקען און טאָן פון אידען; מיט געוואלט ווערט אַלץ געשטופּט אין אַ גאַנץ געוויסער ריכטונג, דער אמת איז אַ פאַרשטעלטער; ממילא וואַקסט די פאַר־פלאָנטערטקייט, און דאָס געבאָט פון דער שעה איז: קלאָהרקייט.

נישט רעכענענדיג זיך מיט דער רעאקציע, וועלכע איז צו דערוואַרטען פון די זעלבע „אידישע" אָרגאַניזאַציעס, האָבען מיר דאָ געפּרואווט צו געבען אַ ניכטערע באַטראַכטונג וועגען דעם אמת׳ען מהות פונ׳ם אידישען פאָלק, צוזאַמען מיט די אַקטועלע רעפאָרמאַטאָרישע און נאַציאָנאַליסטישע אויס־שווייפונגען.

אויב עס איז אויך נויטיג געווען אַ קריטיק פון פאַקטען, דאַן איז דאָס נישט געטאָן געוואָרען אַלס אַ קריטיק־לשם־קריטיק, נאָר בלויז כדי צו באַ־לייכטען און באַווייזען די ריכטיגקייט פון די באַהויפּטונגען דורך פאַקטען, וועלכע זיינען אַ דירעקטער און לאָגישער רעזולטאַט פון די אידעאָלאָגיעס פון אָט די פאַרשידענע „אידישע" אָרגאַניזאַציעס.

בויענדיג זיך אויפ׳ן היסטאָרישען גאַנג פונ׳ם אידישען פאָלקס־לעבען, איז אָט די שריפט צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אַלס אַ כסדר׳דיגער המשך. דער געדאַנקענגאַנג איז איינער! — ממילא קען נישט דערוואַרטעט ווערען די נויטיגע פאַרשטענדניס און דער געווינשטער, איבערצייגענדער רעזולטאַט אויב דער לעזער וועט זיך באַגניגנען מיט׳ן ארויסזוכען פון געוויסע פּאַסאַ־זשעס אָדער טיילען דערפון.

„אגודת ישראל, ציוניזם און מזרחיזם" מוז געלייענט און דורכגע־טראַכט ווערען פון אָנהויב ביז ענד!

די ארויסגעבער

א י נ ה אַ ל ט

1. אריינפיהר 7
2. רעפאָרם 9
3. ציוניזם 13
4. מזרחי 37
5. אגודת ישראל 56

אריינפיהר

פעלקער און פאָלקס־לעבען זיינען קיין סטאטישע זאַכען נישט! אַ נאַציאָן איז אן אָרגאַניזירטע פאָרם פון קאָלעקטיווען לעבען, און... לעבען איז אַ לעבעדיגע זאַך. עקזיסטענץ הייסט כסדר׳דיגע ענדערונג, אַ געהן אַרויף און אַראָפּ אין אַ מעכטיגען קאָמפּלעקס פון פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע, פאַר־בינדענדע און דעצענטראַליזירענדע כחות.

אויב פאַר אלע פעלקער, דאַן איז אָט דער אמת זיכער אַן אומבאַ־שטרייטבאַרער אין באַצוג אויף דעם אידישען פאָלק. ווער נאָך ווי זיי, די „עזין שבאומות״, האָט אזא אנטוויקעלטען חוש פאַר זעלבסטשטענדיגקייט, קריטיק און אינטערנאַציאָנאַליזם? ווער נאָך ווי זיי לעבט כסדר אין אַ וועלט פון מאָרגען, פון אידעאַלען און האָפענונגען? — איז דען אַ וואונדער אַז כסדר קומט אויף נייעס אינ׳ם אידישען פאָלק, אַז גראַד מיר, דער „מעט מכל העמים״, האָבען דער וועלט געליפערט די גרעסטע זוכערס און רעוואָלוציאָ־נערען, די שטענדיגע פּיאָנערען און צוקונפטס־נביאים?...

פאַרשטעהט זיך, אַז נישט אין אלע צייטען האָבען די אידישע רעאַק־ציאָנערען, אָט די אומרוהיגע נשמות, געהאַט דאָס זעלבע פּנים. נישט שטענ־דיג האָט זייער אַקט געטראָגען אַ גלייכען כאַראַקטער. אַמאָל איז עס געווען אַ פּאָזיטיווער און אַמאָל גאָר אַ נעגאַטיווער. אַמאָל איז עס געווען אונטער דער לאָזונג פון אייגענער קולטורעלער באַרייכערונג, און אַמאָל איז עס געווען אַן איינפאַכער אַקט פון פאַרלייקענונג און אַנטלויפען פון זיך אליין. — אָבער שטענדיג, צו אַלע צייטען, האָבען מיר זיי געהאַט, אָט די דעזערטירען און אַנגעוואָרפענע סעילס־מען פון וועלט־קולטורען! — שטענדיג!

קיין נייעס נישט ביי אונז אסימילאַנטען און רעפאָרמערס! ליידער כמעט אין אַלע צייטען זיינען פאַראַן געווען אידען, וועלכע האָבען נישט גע־קענט אָדער נישט געוואָלט שלום מאַכען מיט׳ן גורל פון זייער איד־זיין, און האָבען געזוכט און געשטרעבט זיך ארויסצורייסען פונ׳ם אידישען וועג, אריין אין אַ וועלט פון ג־טלאָזיגקייט און אויסערליכען גלאַנץ.

לייכט איז עס זיי אָבער נישט אָנגעקומען. אויך כבוד איז זיי נישט צוגעקומען דערפון! ארויסגעריסען פונ׳ם אידישען פאָלק, וועלכעס האָט אַראָפּגעקוקט מיט אן אונ׳רחמנות׳דיגער פאַראַכטונג, וועלכעס האָט קריעה געריסען און זיך „שבעה־געזעצט״ אויף אַזעלכע כופרים באלקי ישראל, —

אויסקויפענדיג זיך, פון דער אַנדערער זייט, אַן אַפּגעבעטעלט שטיקעל פּאָל־שע פריינדשאַפט, אזוי איז זייער אָרים לעבען געווען אַן אונאונטערבראָכענע קייט פון זעלבסטפאַראַכטונג, פון קריכען און בויגען זיך פאַר אַ וועלט פון שונאים, וועלכע האָט מיט ציניזשער פרייד נהנה געווען פון אַזעלכע מינדער־ווערטיגע ברואים.

הגם יעדער איז ביי אונז טייער און דאָס האַרץ בלוטיגט פאַר יעדען אידישען נפש וואָס געהט פאַרלוירען; הגם יעדער ריס איז פאַרט אַ ריס, דאָך איז דאָס אַלץ געוועהנליך געבליבען אָהן אַ ספעציעלען דירעקטען איינ־פלוס אויפ׳ן אידישען פאָלקסלעבען. געווען איז עס כמעט שטענדיג אַן איינ־צעלנער פאַל, געזונקענע יחידים וועלכע האָבען פרייוויליג איבערגעריסען מיט אידישקייט און פאַרלייקענט זיך מיט זייער הערליכען עבר. אַ שיטה אָדער אידעאָלאָגיע אין נאָמען פונ׳ם אידישען פאָלק האָבען זיי אָבער (מיט׳ן אויסנאַם פון די צדוקים) נישט געמאַכט דערפון. נישט אַגרעסיוו איז געווען זייער אַקט. פאַרקערט! געווען בלויז אַ רעזולטאַט פון פערזענליכער שוואַכ־קייט, אַ מין זעלבסטפאַרלייקענונג, און באַריהרט האָט עס נאָר זיי אליין. — אידען אָבער זיינען ווייטער געבליבען אידען, אידיש פאָלק איז ווייטער גע־בליבען אידיש פאָלק, און אַ דירעקטע סכנה פאַר׳ן עם השם איז נישט געווען פאַראַנען.

אַז כפירה זאָל ווערען אַ שיטה, אַסימילאַציע זאָל זיין אַן אידעאָלאָגיע און וועלט־אנשויאונג מיט אגרעסיווען כאַראַקטער, אַז אנשטאַט אליין צו אַנט־לויפען פון אידישקייט, זאָל מען גאָר פּרובירען, פאַרקערט, נאָך צו רעפאָר־מירען, צו ענדערען אידישקייט און אידיש פאָלק, אָט די „ברכה" האָט אונז ערשט דער „ניינצעהנטער יאָהרהונדערט פון הומאַניטעט" געבראַכט!... און דעמאָלט, מיט׳ן מאָמענט פונ׳ם פאַרשרייבען פון כפירה אַלס לייט־מאָטיוו אויף דער אסימילאַטאָרישער פאָהן זייערער, אָט דעמאָלט איז דאָס אידישע פאָלק מיטאַמאָל געשטעלט געוואָרען פאַר פּראָבלעמען און סכנות, וועלכע האָבען חלילה געקענט זיין פון קאַטאַסטראָפאַלער קאָנסעקווענץ.

ניי און מורא׳דיג איז געווען דער נסיון, אָפּגעשוואַכט און נישט צוגעג־גרייט איז דאָס אידישע פאָלק געשטאַנען פאַר אַ געפעהרליכען אינערליכען שונא, וועלכער איז איהם לגמרי פרעמד געווען, און טאַקע נאָר אַ דאַנק דעם געטליכען פאַרשטענדעניש און מסירת־נפש׳דיגען קאַמף פון די גדולי ישראל איז געלונגען דאָס ערגסטע צו פאַרהיטען.

רעפאָרם

צוויי גרויסע סכנות האָבען באַדראָהט דאָס אידישע פאָלק אינ׳ם לעצ־טען יאָהרהונדערט. אויסערליך אפשר צוויי גרונד־פאַרשידענע באַוועגונגען, טיפער געקוקט אָבער די איינע בלויז דער אומגעבויטער, נאַציאָנאַליזירטער המשך פונ׳ם אנדערען: רעפאָרם און ציוניזם.

אַ לעגיטימע און געטרייע טאָכטער פונ׳ם, דורך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע געשאַפענעם אינטערנאַציאָנאַליזם, האָט די מערב־אייראָפּעאישע ליבעראַלע רעפאָרם־באַוועגונג נישט אויפגבוי, נאָר אומבוי געמאַכט פאַר איהר פראָגראַם.

פעלקער און נאַציאָנען מוזען פאַרשווינדען! פאַראַנען נאָר מענשהייט. אלע זיינען ברידער, אָהן אונטערשייד פון פאַרב, ראַסע און גלויבען. „אב אחד לכלנו” און זיינע קינדער זיינען אלע, אויך אידען! אויך דאָס אידישע פאָלק האָט אַן אָרט אין דער ברידער־געמיינשאַפט פון די פעלקער. שוין גענוג האָט מען געזינדיגט קעגען דעם „פאָלק פונ׳ם בוך”, שוין צופיל זיי געפייניגט און געֹרודפ׳ט. שוין צייט אַז זיי זאָלען פאַרנעהמען דעם פאַסיגען אָרט אויפ׳ן וועלטס־פאָדיום. די באַריערען מוזען פאַרשווינדען, איינגעריסען געוואָרען זיינען די וועלט־באַשולדיגענדע ווענט פון די פינסטערע געטאָס. — אויך פאַר אידען שיינט די זון! אויך פאַר זיי בליהען די בוימער! — און צום ערשטען מאָל זייט הונדערטער יאָהרען האָבען די בני ישראל ווידער געאָטעמט פריי, נישט שרעקענדיג זיך פאַר׳ן כעס און די נקמה פון אחינו בני עשו.

פאַרשטעהט זיך אַז גאָר גרויס איז געווען די שמחה. פאַר׳כשופ׳ט איז געווען דאָס אויסגעמוטשעטע אידישע פאָלק, און, מיט׳ן אויסנאָם פון יחידי סגולה, וועלכע האָבען אין אָט דער עמאַנציפּאַציע, וועלכע האָט אלע פעלקער געבראַכט רעכטען און פרייהייטען, געזעהן א מורא׳דיגע גייסטיגע געפאַהר פאַר׳ן עם ישראל, האָבען אידען זיך געלאָזט פאַרבלענדען פונ׳ם גלאַנץ פון אַן אָפענער און ברידערליכער וועלט. „ליבערטע, עגאַליטע און פראַטערניטע”, פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט זיינען וואונדערבאַרע ווערטער. אויך צדק ומשפט זיינען פּראָקלאַמירט און געוויסערמאסען אויך פאַרווירקליכט געוואָרען. אונבאַגרעניצטע מעגליכקייטען, דעם רבונו־של־עולם׳ס וועלטעל איז זיי צוריק געגעבען געוואָרען. פון דער אנדערער זייט איז געווען א בילד

פון ליידען און פינסטערניש, פון פאַרפאַלגונגען און מאָרד, אַ לעבען פון געטאָס, בלוט און האָפנונגסלאָזיגקייט. איז דען א וואונדער אַז מען האָט אָנגעכאַפּט אָט די וואונדערליכע געלעגענהייט מיט ביידע הענט, זיך אריינוואַרפענדיג אין איהר בלבב שלם, אין גאַנצען, אָהן צוריקגעהאַלטענקייט אָדער ספקות, כדי צו ווייזען אָט די הומאַניטאַרע וועלט, אַז מיר זיינען עס ווערט! אַז מיר פאַרשטעהען זייער לעבענס־אידעאַל! אז מיר אונטערשרייבען דעם הערליכען אינטערנאַציאָנאַליזם אין גאַנצען, אָהן קאָנדיציעס!

זאָפאָרט האָט מען זיך גענומען ווייזען אַז עס זיינען נישט נאָר ווערטער. מיר מיינען עס און מיר טוען עס! און מיט ברען און התלהבות, מיט באגייסטערונג און אידעאַליזם געוואָרען דער אוואַנגאַרד, דער קופּץ־בראש אין אָט דער הומאַניטאַרער רעוואָלוציע.

אויך אידען זיינען ברידער, אַ טייל פון דער וועלט־אומפּאַסענדער מענשהייט, און אלס אזעלכע מוזען זיי זיך איינלעבען. נאַציאָנען און פעלקער געהערען צום פינסטערען עבר. אויך דאָס אידישע פאָלק געהערט אהין. ניטאָ פאר איהם קיין אָרט אַלס פאָלק! — „מאַזאַאישער גלויבען" לכתחלה נאָך טאָלערירט, איז אָבער שפּעטער אויך שוין צופיל געוועזן. — מען קען נישט זיין אַן אויפריכטיגער אייראָפּעער און וואַרטען אויף משיח, דער עני רוכב על החמור, אָדער בעטען אַז צום אָריענטאַלישען „ירושלים עירך ברחמים תשוב"!... מען קען נישט זיין אַ מאָדערנער, אויפגעקלעהרטער אינטערנאַציאָנאַליסט און זיך באַנוצען ביים „ג־טעסדינסט" מיט'ן אַלטמאָדישען, קאָמפּליצירטען לשון הקודש אָדער האַלטען אזא שטרענגע טרענונג צווישען מענער און פרויען! מען קען דאָס נישט!...

האָט מען זיך גענומען ענדערען און רעפאָרמירען. אָהן רחמנות אָדער פּיעטעט, מיט אויפריכטיגקייט און אַנטשלאָסענקייט, געשניטען און געלאַטעוועט, צערברעקעלט און ליקווידירט. „ליקווידירט" דאָס כנעניטישע אידישע פאָלק, געענדערט דאָס לשון, דעם שבת געענדערט, דעם גלויבען געענדערט, בקצור — אַלץ געענדערט!

און, ברוך השם, זיך נישט געשעהמט דערמיט. פאַרקערט! גאָר עפענטליך אויסגעשריען אַז מען רעפאָרמירט, אַז דאָס אַלטע אידישע מדבר־פאָלק האָט „פייערליך" אויפגעהערט צו עקזיסטירען. ניטאָ מעהר קיין איינצעלנע נאַציאָנען! די אזוי לאַנג דערוואַרטע און געהאָפטע פאַרברידערונג פון דער גאַנצער מענשהייט איז פאַרווירקליכט!...

איהר שוואַכקייט.

הגם די חורבנות פון דער רעפאָרם זיינען, ווי לייכט פאַרשטענדליך, געווען גאַר שרעקליכע, דאָך איז זי געווען אין גרונד געוויסערמאסען אונ־געפעהרליך. געלעגען איז איהר שוואַכקייט (ווי איהר נאָמען אליין דע־מאָנסטרירט שוין!) אין איהרע רעפאָרם־באַשטרעבונגען. קומענדיג רעפאָר־מירען און שאַפען עפעס נייעס, האָט זי ממילא גלייכצייטיג עפענטליך דע־מאָנסטרירט אַז זי איז נישט דאָס אוראַלטע, אייביגע אידישע פאָלק, אז אין לה חלק באלקי ישראל! ממילא איז געשאַפען געוואָרען קלאָהרקייט. און, ווען דער ערשטער רויש פון עמאַנציפּאַציע האָט זיך באַרוהיגט, ווען מען האָט גאַר אינגיכען איינגעזעהן אַז דער חלום איז בלויז אַ הערליכע אוטאָפּיע, אַז פאַרט האַלט די וועלט נאָך נישט ביי פאַרברידערונג, און אז ספּעציעל דאָס אידישע פאָלק האָט בלויז גאַנץ אַ קליינעם אָרט אין אָט דער ליבליכער פאַר־ברידערונג, דעמאָלט האָבען אידען שליסליך איינגעזעהן אַז דאָ איז פאַראַנען חדשות, אַז רעפאָרם קומט בלויז אימפּאָרטירען, בלויז אָפּרייסען פונ׳ם עבר! קלאָהר און דייטליך האָבען זיי געקענט זעהן אַז דער וועג פון די רעפאָרם איז בלויז אַ וועג פון בויגען און קריכען, פון פאַרפרעמדונג און זעלבסטפאַר־לייקענונג! — און פון אָט דער רגע אָן האָט די גאַנצע רעפאָרם־באַוועגונג, וועלכע האָט זיך לכתחלה אויסגעזעהן ווי זי וואָלט טאַקע פאַרשלונגען די גאַנצע וועלט, תבל ויושבי בה, פון אָט דעם מאָמענט אָן האָט זי פאַרלוירען איהר מאַכט, רייץ און צוציהונגס־קראַפט.

ווי קלאָהר אָט די פעסטשטעלונג זאָל אָבער נישט זיין געווען, איז זי דאָך נאָר בכח געווען בלויז אַ גאָר קליינעם טייל פונ׳ם וועסט־אייראָפּעאישען אידענטום און איהר יוגענד צוריקצובריינגען צו תורה און טראַדיציע. פאַרט איז אַ פאַקט אַז „כל באי׳ לא ישובון“, אַז די אַלע וועלכע האָבען אָנגעהויבען זיך לאָזען געהן אויף די פאַרפיהרערישע וועגען פון אסימילאַציע זיינען נישט מעהר פעהיג צו געהן דעם וועג צוריק, הגם זיי אליין פאַרשטעהען שוין, אַז זייער נייער וועג פיהרט צו אַ טויטען פונקט, צו פולשטענדיגער אסימילאַ־ציע און אונטערגאַנג.

ווען דער מאָדערנער אַנטיסעמיטיזם האָט זיך נאָכדעם אָנגעהויבען צו באַווייזען, ווען אויך אָפּגעגאַלטע און מאָדערן־געקליידעטע אסימילאַנטען האָבען אויף די פאַריזער „שאמס עליזעס“ געמוזט הערען דעם פאַרהאַסטען

„סאל זשוויף!“, ווען מען האָט מיט שרעק און פּאַניק אָנגעהויבען צו פאַר־שטעהן דאָס ביטערע און טראַגישע, אַז עס העלפען נישט דער מאָדערנער פראַק און הויכער קאָלנער, נישט די לאַנד־שפּראַך און אויך נישט דער דאָק־טאָר־טיטול; אז מען קען נישט אַנטלויפען פונ׳ם עבר, אז מען קען בשום אופן נישט אוועק פונ׳ם אידישען פאָלק, אז די נאָז גופא דעמאָנסטרירט אונזער אָריגינאַליטעט; ווען אַ רעאַקציאָנערענדער, שאָוויניסטישער נאַציאָנאַליזם האָט צו גלייכער צייט פאַרנומען דעם וואַקעלדיגען טראָן פונ׳ם פאַרשוואונ־דענעם אידעאַליסטישען מענשהייטס־אינטערנאַציאָנאַליזם; ווען אויך די אומ־רוהיגע אידישע אסימילאַנטען האָבען — אונטער דער אונדירעקטער השפעה פון דער ארומיגער וועלט — גענומען פאַרלאָזען די באַנקראָטירטע אינטער־נאַציאָנאַלע רעפאָרם־וועגען און אָנגעהויבען געהן אויף נייע, נאַציאָנאַלע דרכים, אָט דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבען דער שווערסטער און געפעהר־ליכסטער נסיון פונ׳ם אידישען פאָלק במשך זיין טויזענדיעהריגער ליידענס־געשיכטע: די אַזוי־גערופענע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, וועלכע האָט זיך גאָר שנעל אויסגעבויט צום היינטיגען ציוניזם!

ציוניזם

געשאַפען אין אַ צייט ווען דער פולשטענדיגער באַנקראָט פון רעפאָרם איז שוין געווען אַן אלגעמיין באַוואוסטע זאַך, האָט דער ציוניזם זיך שוין יאָ געהיטען. ער האָט שוין געהאַט געלערענט און איז נישט מעהר אריינגעפאַלען אין די גרייזען פון די רעפאָרם.

נישט קיין רעפאָרם האָט דער ציוניזם פרעטענדירט איינצופיהרען. מכלומרשט האָט מען גאַר אַלץ געלאַזען גענצליך אונבאַריהרט. פאַרקערט! מען איז נאָך געקומען מדגיש זיין, אונטערשטרייכען געוויסע מאָמענטען אינ׳ם אידישען פאָלקס-לעבען. בדוקא אויפ׳ן פאַקט פון אן עקזיסטירענד אידיש פאָלק האָט זיך ציוניזם אַוועקגעשטעלט, און פראָקלאַמירט אז פאַר־זאָרגען און העלפען אָט דאָס אידישע פאָלק איז זיין איינציגער ציל. אידען זיינען אין גלות, מפוזר ומפורד בין העמים, דער שפּאָט און דאָס שפּילצייג פון עשו׳ס קינדער. שוין קרוב צוויי טויזענט יאָהר זיינען זיי אין אַזאַ שרעק־ליכען אונדערטרעגליכען מצב. שוין גענוג!

פּראָקלאַמירט האָט ציוניזם אַז גלות איז נישט נאָר אַן אונגעזונטער, אבנאָרמאלער מצב צוליב וועלכען אידען ליידען אַזאַ אונמענשליך מאָס פון ליידען און פּיין, נאָר אַז גלות איז דער אָרט פון אונזער אַנטגילטיגען אונטער־גאַנג. נישט טראַכטענדיג וועגען די סבות אָדער אורזאַכען וועלכע האָבען צוגעפיהרט צו אָט דעם עקזיסטירענדען גלות, האָט ציוניזם, מיט אַן אַזוי־גערופענעם „רעאלען בליק" פעסטגעשטעלט די אבנאָרמאלקייט פון אַ פאָלק אָהן אַ לאַנד, אָהן אַ רעגירונג, אָהן אַלץ וואָס אלע איבעריגע פעלקער פון דער וועלט פאַרמאָגען, און גע׳טענה׳ט אז אידען קענען נישט לעבען אין גלות, דאָס אידישע פאָלק מוז אויפהערען צו עקזיסטירען אין גלות, און קיין זכר וועט פון אונז נישט בלייבען.

לויט אָט דער טעאָריע איז דער אנטיסעמיטיזם אויך בלויז אַ רעזול־טאַט פון אָט דעם אַבנאָרמאַלען גלות־מצב! נאָר ווייל מיר האָבען נישט קיין אייגען לאַנד, ווייל קיין אָפיציעלע רעגירונג וועלכע זאָל זיך קענען אַננעהמען פאַר׳ן אידישען כבוד און שוץ איז נישט בנמצא, נאָר דעריבער האָט זיך צו־בליהט אַזאַ אומפאַרשטענדליכע שנאה צו איינס פון די עלטסטע פעלקער פון דער וועלט, און, ממילא האָבען די גרינדערס פון ציוניזם גענומען זוכען דעם

וועג, אן איינפאַכען, קאָנקרעטען און אָנטאַפּעוודיגען וועג, ארויס פונ׳ם גלות.

שוין גענוג, שוין צו־לאַנג זיינען אידען אין אַט דעם אונטערגאַנגס־פּראָצעס וועלכער הייסט גלות! שוין די העכסטע צייט אז אידען זאָלען אויס־געלייזט ווערען! — אויך דאָס אידישע פאָלק מוז לעבען אַ נאָרמאַל לעבען פון אַ פאָלק!...

אידען מוזען זיין פריי! — וועט דער ציוניזם זיי באַפרייען!... אידען ברויכען אן אייגען לאַנד (און אודאי ברויכען זיי עס!) — וועט ציוניזם זיי שענקען אַ לאַנד, אן אייגענעם אידישען שטאַט, מיט אידישע מיניסטאָרען און פּאָליציאַנטען, און בדוקא אין ארץ ישראל!... אידען נויטיגען זיך אין אן אייגען לשון (און אודאי נויטיגען זיי זיך אין דערין און האָבען עס, אגב, אויך שטענדיג געהאַט) — וועט ציוניזם זיך מרחם זיין און זיי שענקען אן אייגען לשון, און בדוקא לשון הקודש!...

רעפאָרם איז געווען אויפריכטיג, האָט זי זיך אליין פאַר׳מסר׳ט. ציוניזם אָבער איז געווען אויסערליך געשיצט. — גראד דעריבער איז ער אזוי געפעהרליך!...

צוקונפטס־פאַרשפּרעכונגען.

שפּעקולירט האָט מען אויף די אידישע צרות, אויפ׳ן טאָג־טעגליך וואַקסענדען אנטיסעמיטיזם, אויף די בלוטיגע פּאָגראָמען, אויף דער אויס־געמוטשעטקייט פונ׳ם אָרימען מזרח־אייראָפּעאישען אידענטום, און פאַר־שטעהט זיך, אז דער הערליבער פערספּעקטיוו פון אַן אייגען לאַנד ,אַ היים, אן אייגענע מדינה, מיט אייגענע אידישע פּאָליציאַנטען אייגענע געזעצען און געריכטס־הייזער, נישט מעהר שטענדיג זיין אַן אומרוהיגער, נישט גע־דולדעטער פרעמדער, נישט מעהר מוזען ציטערען פאַר׳ן גוי און זיין שנאה, שוין ענדליך האָבען מנוחה, זיצען אויפ׳ן אייגענעם באָדען ,איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו; אויך אין דער פרעמד האָבען אַן אייגענעם קאָנסול (מיט אַ גרויסען מגן־דוד אויף דער טיר!) וועלכער וועט שיצען זיינע אידישע סיטיזענס פון די המן׳ס און היטלער׳ס, פאַרשטעהט זיך אז אָט די אַלע הערליכע צוקונפטס־פאַרשפּרעכונגען און חלומות, שעהן אויפגעפּוצט און פאַראידיאַליזירט, פאַרשטעהט זיך אז די אויסגעפּייניגטע אידישע מאַסען, און ספּעציעל נאָך די אידישע יוגענד וועלכע די פעלקער האָבען נישט געלאָ־זען קיין לעבענסרוים און אַנטוויקלונגס־מעגליכקייטען, וועלכע האָבען בלויז

געקענט אויסוועהלען צווישען אַ לעבען פון דחקות און עלענד אין די כותלי הישיבה, אָדער פון דחקות און עלענד און אפילו ישיבה אויך נישט; פאַר־שטעהט זיך אַז זיי האָבען זיך געמוזט אָנכאַפּען אָן אַזאַ ליכטיגען האָפנונגס־שטראַל ווי אַ טרינקעדיגער אָן אַ שטרוי. — ניי לעבען, נייע אַספּיראַציעס, נייע האָפנונגען איז זיי מיטאַמאָל אריינגעגעבען געוואָרען, און, מיט אַ באַ־וואונדערענסווערטער באַגייסטערונג און התלהבות וועלכע נאָר אידען פאַר־מאָגען, האָט מען גענומען פאַרווירקליכען דעם „גאולה־פּלאַן״, שאַפען דעם נויטיגען אָרגאַניזאַציע־אַפּאַראַט, זאַמלען די גרויסע סומען, אויסקויפען דעם באָדען, לערנען אונזער „ניי״ לשון וכו׳ וכו׳.

אַ שיטה פון פאַרוועלטליכונג.

ווייטער אָבער האָט מען נישט גערעדט, און ווייטער האָט מען אויך נישט געקוקט! — אַז ציוניזם האָט אויך אַ פּנים, אַן אידעאָלאָגיע, אַ קולטור־רעלע זייט, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און די גאַנצע פּריש צופלאַ־קערטע ליבשאַפט צום „אלט־ניי לאַנד״ איז אַ רעזולטאַט פון אַ געוויסער שיטה און לעבענס־אויפפאַסונג, אַט דאָס האָט מען שוין נישט געזעהן. פאַר׳כשופ׳ט און צוגעצויגען האָט נאָר דאָס חצוניות, די צוקונפטס־פאַרשפּרעכונגען, און צופעליג האָט אויך די אלגעמיינע קאָנסטעלאציע און ספּעציעל נאָך די ערשטע וועלט־מלחמה, מיט איהרע סאָציאלע און פּאָליטישע קאָנסעקווענצען, זיי גאַנץ ניש־קשה צוגעשפּילט. — גאַנץ אומבאַמערקט איז אָבער געבליבען די אי־נערליכע רעוואָלוציע, דאָס גייסטיגע איבערקערעניש און די פולשטענדיגע פראַפאַניזירונג פונ׳ם אידישען פאָלק!

געזעהן האָבען די אָרימע אידען און אידישע פרויען וועלכע האָבען דעם פון־מויל־אָפּגעשפּאָרטען גראָשען פאַר ליכטבענשען אריינגעוואָרפען אין דער בלוי־ווייסער פושקע „פאַר אונזער לאַנד״, געזעהן האָבען זיי נישט אַז די ציוניסטישע טעטיגקייט איז באַזירט אויף און אַ רעזולטאַט פונ׳ם קולטורעלען ציוניזם! געזען האָבען זיי נישט אַז ציוניזם איז נישט מעהר ווי אַ לאָגישער נאַציאָנאַליזירטער המשך פון די אָפּגעשטאַנענע רעפאָרם־באַוועגונג. געזעהן האָבען אידען נישט אַז, טראָץ זיין אבסאָלוט פּאָזיטיווע איינשטעלונג צום עם ישראל, איז ציוניזם אָבער פאָרט אַ הונדערט־פּראָצענ־טיגע פאַרלייקענונג פונ׳ם היסטאָרישען תורה־אידענטום. געזעהן האָבען זיי נישט אַז „נהיה ככל הגוים״ איז די ציוניסטישע לאָזונג, אַז אנשטאַט אַ

„ממלכת כהנים וגוי קדוש" ווילען זיי גאָר שאַפען אַ וועלטליכען שטאַט, אַ לאַנד ווי אַלע לענדער. אַז נישט „ארץ ישראל" נאָר „פּאַלעסטיין", נישט „לשון הקודש" נאָר „עברית", נישט „ירושלים" נאָר „תל־אביב" איז זייער ציל, נישט אבינו שבשמים נאָר, להבדיל אלף ואלפי הבדלות, אַ קאָרעספּאָנדענט פון די ווינער „נייע פריע פּרעסע" איז זייער גרויסער גוזעצגעבער, אַז רעליגיע איז געוואָרען פּריוואַטזאַך, אַז מען האָט גענומען בויען „זייער לאַנד" מיט חלול שבת און אכילת נבלות וטרפות, אַז קדושת התורה והארץ ווערען געטראָטען מיט די פיס, אָט דאָס, דאָס אויסרייסען דאָס אידישע פאָלק פון זיין היסטאָרישען באזיס, דאָס אָפּרייסען זיך פון תורה ומצוות, דאָס אַלץ האָבען זיי נישט געזעהן !...

זיי האָבען אפילו נישט געטראַכט אַז דאָס עקזיסטירט אָדער קען געהערען צו די מעגליכקייטען. שליסליך וואָס האָט ציוניזם צו טאָן מיט אָט די אַלע זאַכען? „די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז דאָך בלויז אַזאַ גוטע און טייערע הילפס־אָרגאַניזאַציע!", האָבען אידישע מאַמעס געטענה'ט. — ווייל געגוי ווי היינט, זייענדיג פאַראייניגט מיט דער גרעסטער אידישער הילפס־אָרגאַניזאַציע אין אַ מעכטיג „יונייטעד דזשואיש אַפּיל", אַזוי איז אויך דעמאָלט, אין די ערשטע יאָהרען, די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע געווען פאַר'ן המון־עם בלויז אַ רעליף־אָרגאַניזאַציע, **פאַר און אַרום ארץ ישראל! — געקוקט האָבען זיי נאָר אויפ'ן רעליף און דעם אויסלייזענדען סערטיפיקאַט. און ווייטער האָט מען נישט געטראַכט...**

אָבער נישט די ציוניסטישע פיהרער! אָט זיי האָבען שוין איינמאָל געטראַכט, און טאַקע מיט גרינדליכקייט און דעמאַגאָגיע געזוכט וועגען און מיטלען פאַר דער שנעלער פאַרווירקליכונג פון זייער פּראָגראַם.

דעמאַגאָגישע פּראָפּאַגאַנדע.

געוואוסט האָבען זיי די סענטימענטען פונ'ם פאָלק, און געוואוסט האָבען זיי אויך אַז סוף־כל־סוף איז נאָך שטענדיג דער גרעסטער טייל פונ'ם עם ישראל געטריי צו תורה און אידישקייט. ממילא מוז דער גאַנצער ענין טראָגען אַ אידישען כאַראַקטער, צוביסלעך אפילו פאַרפּוצט ווערען מיט אַ געשמאַקען מאמר חז"ל. און עס האָבען, ברוך השם, נישט געפעהלט קיין מאמרים! „וכפר אדמתו עמו" און „אוירא דארץ ישראל מחכים", "כל הדר בחוץ לארץ דומה כמי שאין לו אלוק", „גאולה תתנו לארץ" א. א. וו. אַלץ

האָט מען צוגענומען צום עסק. לאָזט זיך דער גאַנצער פסוק באַנוצען איז מה טוב ומה נעים, אויב נישט, מאַכט אויך נישט אויס, נעמט מען אַ האַלבען פסוק אָדער אפילו אַ פערטעל!... אבי נאָר באַאיינפלוסען דעם עולם.

אפילו פאַר א מצוה האָט מען זיך נישט געשראָקען! (שליסליך אויב עס קען העלפען, אויב עס קען אריינברענגען נייע געלדער אין דער פושקע אריין, טאָ פאַרוואָס נישט!) האָט מען גענומען מאַהנען ביי אידען העלפען מקיים זיין די „הייליגע מצוה״ פון ישוב ארץ ישראל. — פאַרט א מצוה, מוז מען דאָך! — — אז עס זיינען אָבער פאַראַנען נאָך אנדערע מצוות, אז עס זיינען גאָר פאַראַנען נאָך 612 מצוות אין דער זעלבער תורה, וועלכער זיי אליין טרעטען גאָר מיט די פיס, — ווער דאַרף טראַכטען וועגען אַזעלכע זאַכען!... אבי מען קומט אונז מזכה זיין מיט אַ מצוה!...

אזוי האָט זיך אָנגעהויבען! „ארץ ישראל״, „ארצנו הקדושה״, „מלכות ישראל״, „גאולה״, „ירושלים״, „ציון״, אָט דאָס זיינען געווען די לאָזונגען, מיט זיי איז מען געקומען צו אַלט און יונג, צו אידען און אידענעס, ומה יעשה הבן שלא יחטא?... איז אַ וואונדער, אז מיט אַזאַ צוגאַנג האָט ציוניזם מיטאַמאָל אָנגענומען אַזאַ ברייטען פאַרנעם?... איז אַ וואונדער אַז ספּעציעל די פאַרצווייפעלטע אידישע יוגענד האָט זיך אין איהר אריינגעוואָרפען מיט'ן ברען און דעם אויפבריז פון אַ טויזענדיעהריג געוויין פון „ולירושלים עירך ברחמים תשוב״?...

וואָס האָבען זיי אָבער געוואוסט פון דעם וואָס עס טוט זיך הינטער די קוליסען פון דעם וואָס דער ציוניזם וויל און שטרעבט צו?...

ארץ ישראל אָדער אוגאַנדאַ?...

ארץ ישראל! אודאי ארץ ישראל! בראש כל חוצות האָט מען אויסגעשריען אַז נאָר ארץ ישראל, אונזער היים, דאָס לאַנד פון די אבות, און גאָרנישט אַנדערש!

פאַרוואָס דערצעהלט מען אָבער נישט דעם גאַנצען אמת? פאַרוואָס לאָזט מען אידען נישט אַלץ וויסען? פאַרוואָס דערצעהלט מען נישט למשל אז ס'איז לאו בדוקא ארץ ישראל, אַז ביי זיי איז געווען גלייך יעדעס לאַנד, וואו מען וועט זיי נאָר לאָזען אויפבויען זייער שטאַט און גאָווערנמענט? פאַרוואָס דערצעהלט מען נישט אַז ביי איינעם פון די ציוניסטישע קאָנגרעסען (מיט העכער פערציג יאָהר צוריק) איז גאָר אָפּגעשטימט געוואָרען

אַז מען זאָל אָפּלאָזען ארץ ישראל, צוליב די גרויסע שוועריגקייטען וועלכע זיינען פאַרבונדען מיט דער קאָלאָניזאציע פון אָט דעם אומפּרוכטבאַרען לאַנד, און קאָנצענטרירען זיך אויף אַ גרעסער גוט שטיק ערד אין צענטראַל אפרי־קא וועלכעס ענגלאַנד האָט זיי דעמאָלט אָנגעבאָטען ?... פאַרוואָס וויל מען נישט דערמאָהנען אַז מיט אַ פולשטענדיגער קאָנגרעס־מאַיאָריטעט איז דע־מאָלט, נאָך צעהן יאָהר אהבת־ציון, באַשלאָסען געוואָרען איבערצוטראָגען די אויפבוי־אַרבייט פון אַ אידיש היים־לאַנד פון ארץ ישראל קיין אוגאנדא, די שוואַרצע ענגלישע קאָלאָניע הינטער די הרי חשך, מיט׳ן נעגוס און קאָנגאָ אַלס אונזערע צוקונפטיגע שכנים ?...

און פאַרוואָס דערצעהלט מען נישט אַז נישט די פּראָטעסטען, גע־שרייען, געוויינען און אפילו נישט די דראָהונגען פון אויסטריט אויס די ציו־ניסטישע אָרגאַניזאציע פון די אַלטע חובבי ציון, נאָר בלויז דאָס איינזעהן פונ׳ם שרעקליכען רושם וואָס אזא אומשטעלונג וועט זיכער מאַכען אויף די ברייטע מאַסען פונ׳ם מזרח־אייראָפּעאישען אידענטום איז בכח געוועזן צו צווינ־גען די ציוניסטישע פיהרער מיט זייער גרינדער בראש אָט דעם אויפריכטיגען באשלוס, אויף צו־מאָרגענס, צו אנולירען ?...

פאַרט האָט מען זיך נאָך נישט געקענט באַגעהן אָהן דעם לאָקמיטעל „ארץ ישראל״! פאַרט איז „ציוניזם״ נאָך אַלץ מעהר אימפּאָזאַנט און היימי־שער פאַר דער אידישער נשמה ווי דאָס אומבאַקאַנטע, ביי־געשאַפענע „או־גאַנדיזם״!... ממילא האָט מען זיך צוריקגעצויגען, אויסגעמעקט אוגאנדא פונ׳ם אָפיציעלען פּראָגראַם, און... זיך ווידער אריינגעוואָרפען בלב ונפש אין אהבת ציון און מצות ישוב ארץ ישראל! גענומען זיך צוריק צו די פסוקים און מאמרי חז״ל, גענומען אויסמעקען די שפּורען פון אָט דעם שרעקליכען גרייז פונ׳ם נאַציאָנאַלען קאָנגרעס זייערען, וועלכער האָט גאַנץ לייכט גע־קענט זיין פאַטאַל פאַר דער ווייטערדיגער עקזיסטענץ פון דער גאַנצער ציו־ניסטישער אָרגאַניזאציע.

די צייטען אָבער זיינען געוועזן זעהר גינסטיגע. רדיפות און פּאָגראָמען זיינען געשטאַנען אויפ׳ן סדר־היום, די נויט אין מזרח האָט געהאַט דערגרייכט דעם קולמינאַציע־פּונקט, ס׳איז שוין טאַקע נישט מעהר ווייטער געגאַנגען, ממילא האָט הצלה־ארבייט, און בתוכה אויך ארץ ישראל־ארבייט געמוזט דערגרייכען אַ הויכפּונקט אָהן גלייכען.

דאָס אידען־פּראָבלעם.

פּאַראַנען אַ אידען־פּראָבלעם וועלכעס מוז געלייזט ווערען, — וועט ציוניזם זיך דערצו נעהמען. פּאַר זיי איז גלות אַ מחלה, אַ קראַנקער און אַן אַבנאָרמאַלער צושטאַנד, אָהן אַ צוועק און אָהן אַ צוקונפט. אַז מיר אידען זיינען אין גלות צוליב גאַנץ באַשטימטע טעמים, אַז מיט העכער דריי טויזענד יאָהר צוריק איז אין דער תורה גאַנץ גענוי, וואָרט פּאַר וואָרט, פאָראויסגעזאָגט געוואָרען אָט דער גלות, דאָס האָט זיי נישט אינטערעסירט. אפשר האָבען זיי עס אפילו נישט געוואוסט, אָבער גאַנץ זיכער איז אז זיי האָבען עס נישט געגלויבט!... אז טראָץ אַלע צרות, טראָץ אלע אבנאָרמאלקייטען לעבען מיר דאָך נאָך, ווי שווער און ביטער און בלוטיג דאָס גלות זאָל נישט זיין האָט דאָס אידישע פאָלק דאָך דריי פערטעל צייט פון זיין עקזיסטענץ פאַרבראַכט אין חוץ לארץ, אויף פרעמדען באָדען, און פּאָרט נישט־קשה אויפגעטאָן און געשאַפען, אָט דאָס האָבען זיי נישט אין באַטראַכט גענומען. אין געגענשפּרוך צו אַ קאַטעגאָרישער הבטחה פון אָט דער זעלבער תורה וועלכע האָט וואָרט־פאַר־וואָרט פאָראויסגעזאָגט דעם גלות, אַז טראָצדעם, טראָץ גלות, פּאָרט „לא מאסתים ולא געלתים לכלתם“, אַז טראָץ גלות, טראָץ שחיטות און אויסראָטונגען, פּאָרט וועט דאָס אידישע פאָלק קיינמאָל נישט אונטערגעהן; אין געגענשפּרוך אָבער צו אָט דער געטליכער פאַרשפּרעכונג האָבען די ציוניסטישע אידעאָלאָגען מיט ווּיסענשאַפטליכער גענויאיגקייט אויסגערעכענט, שוואַרץ אויף ווייס, אַז אויב אידען באַקומען נישט זאָפאָרט אן אייגען לאַנד, דאן געהט דאָס אידישע פאָלק אונטער. גענוי דעמאָלט און דעמאָלט וועט עס אויפהערען צו עקזיסטירען און נאָר אן אייגען לאַנד, נאָר אן אייגענע טעריטאָריע קען זיי ראַטעווען!!! צי ס'איז ארץ ישראל אויף איין זייט פון ירדן אָדער אויף ביידע זייטען, צי עס קענען אריין אלע אידען אָדער נאָר א קליינער טייל פון זיי, צי א גרויסמאַכט אָדער בלויז אַ טל־ומטר'ל מדינה, קיין חלוק נישט. אבי א אידישע מלוכה, מיט מיניסטאָרען און קאָנסולס, מיט אן ארמיי און אידישע סטעמפּס, דאן איז דאָס אידישע פאָלק געראַטעוועט. דאַן וועלען די שרעקליכע קללות פון דער תוכחה קיין שליטה מעהר האָבען אויף זיי, דאַן, נאָר דאַן איז דאָס טויזענדער יאָהרען־אַלטע אידענפּראָבלעם געלייזט!

מיט אַזאַ אידעאָלאָגיע האָט ציוניזם העכער פופציג יאָהר צוריק, אָנגעהויבען איהר ארבייט! געהייסען האָט עס הצלה, קאָנסטרוקטיווע הצלה, אויפ־

בוי פון ארץ ישראל; למעשה אָבער איז נישט געבליבען דערביי (עס האָט נישט געקענט בלייבען ביי אזא באַגרעניצטער ארבייט!) נאָר ביי אַ באַוועגונג וועלכע נעהמט ארום בוכשטעבליך אלע טיילען און געביטען פונ׳ם אידישען פאָלקסלעבען, בכל ארצות פזוריהם!

קולטורעלע פאַרגוואַלדיגונג.

מיט ניכטערער רעאַלקייט האָבען די ציוניסטישע פיהרערס זאָפאָרט איינגעזעהן אז עס פאַרלאַנגט זיך אַ גאַנץ געגויע און גרינדליכע צוגרייטונג צו ציוניזם. אויב מען וויל טאקע אז ארץ ישראל זאָל ווערען דער צענטער פון אידיש דענקען און אַקטיוויטעט דאַן מוזען אידען צוגעגרייט ווערען דערצו. אויב ארץ ישראל, אויב זייער אויפפאַסונג פון אַ מאָדערנעם אידישען שטאַט מיט רעליגיאָנספרייהייט (ד. ה. אין וועלכען מען קען אפילו זיין א איד) אָבער וועלכער בויט זיך לויט די פרינציפען און אויפפאַסונגען פון לאָנדאָן און פאַריז, אויב דאָס זאָל טאקע קענען ווערען אַ פאָלקס־באַוועגונג דאַן מוז דאָס פאָלק דערצו צוגעגרייט ווערען, דאַן מוז מען זיי דערצו ערציהען!

אַזוי־ארום איז ציוניזם פון אַ קאָלאָניזאַציע־באַוועגונג געוואָרען אַ נאַציאָנאַלע קולטור־באַוועגונג, אַקטיוו אויף אלע געביטען פונ׳ם עפענטליכען אידישען לעבען.

איז תורה־חנוך אַ געגענזאַץ צו ציוניזם, וועט דאָס קינד וועלכעס ווערט דערצויגען ווערען אינ׳ם גייסט פון טראַדיציע און רעליגיע קיינמאָל נישט קענען מסכים זיין צו די ניי־געשאַפענע וועלטליכע אויפפאסונגען פונ׳ם ציוניזם, — האָבען זיי זיך גענומען שאַפען אַ געהעריגע נעץ פון שולען, ציוניסטישע שולען, וואו אידישע קינדער ווערען פון זייערע ערשטע יאָהרען אָן דערצויגען אינ׳ם ציוניסטישען גייסט, מיט׳ן נויטיגען דרך ארץ פאר די נייע פאַרזאָרגערס אונזערע, און מיט׳ן געווינשטען קאָדיפיצירטען עם־הארצות.

איז אין מזרח־איירָאפּע די קהלה געווען א פאָרם פון אידישער אָרגאַניזירטקייט מיט עקזעקוטיווער מאַכט לגבי די לאָקאַלע אידען, האָבען ציוניסטען זיך גענומען אריינבאַפען אין קהלה־ראַט אריין, געפיהרט די נויטיגע פראָפּאַגאַנדע און העצע כדי אז די קהלה זאָל ווערען אַנגעפיהרט פון מענשען וועלכע האַלטען מיט זיי, וועלכע וועלען זיי און זייער ערציהונגס־ארבייט שטיצען און העלפען.

זיינען אין לענדער, ווי למשל די פאַראייניגטע שטאַטען פון אמעריקע,

ניטאָ קיין אָפיציעלע קולטוס־געמיינדעס, געפינען זיך אין אַט דעם לאַנד בלויז זעלבסטשטענדיגע פרייע קאָנגרעגיישאָנס, פאַרט האָט זיך דער ארץ־ישראל־דיגער ציוניזם צו זיי גענומען, מיט אַלערליי טענות אָנגעהויבען זיי, די רעליגיעזע אינסטיטוציעס, צו אָרגאַניזירען אין אַ גרויסען ציוניסטישען „קאָנסול אָף קאָנגרעגיישאָנס".

פאַרלאַנגט זיך צו רעדען צו די מאַסען, דאַרף מען זיי טאָג־טעגליך אינפאָרמירען וועגען אידישע און וועלטליכע נייעס, דאַרף אַט די נייעס אינטערפּרעטירט און ערקלעהרט ווערען אין אַ גייסט וועלכער איז גינסטיג און נוצליך פאַר דער ציוניסטישער אויפבוי־ארבייט, האָט מען געשאַפען אַ פּרעסע, אַ ציוניסטישע פּרעסע, וועלכע האָט, מיט׳ן באַוואוסטען דרך ארץ פאַר׳ן געדרוקטען וואָרט, ארייגעוואָרפען איהר גיפט און פאַרפלאַנטערטקייט אין די אידישע הערצער אריין.

וואו נאָר א געביט פון אידיש לעבען האָט ציוניזם זיך דערצו גענומען! ווייל זיי האָבען פאַרשטאַנען אז מען מוז דאָס אידישע פאָלק צוגרייטען פאַר זייער ארבייט, מען מוז זיי רעפאָרמירען און אַראָפּשלעפען צום ציוניזם. — — גערעדט אָבער האָט מען נאָר וועגען ארץ ישראל און גאולה, וועגען דונאַמס און קבוצות...

איז דורך דער מאַנדאַטאַר־מאַכט אין ארץ ישראל אליין געשאַפען געוואָרען אַן אָרגאַניזירטע אידישע פאַרטרעטערשאַפט, די „דזשואיש איידזשענסי", איז זי באַשאַפען געוואָרען אונטער דער אויסדריקליכער קאָנדיציע אַז אַט די „אידישע אַגענץ" מוז צוזאַמענגעשטעלט ווערען פון 50 פּראָצ. ציוניסטען און 50 פּראָצ. נישט־ציוניסטען, דאָך איז זי צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען פון א הונדערט־פּראָצענטיגער ציוניסטישער מיטגלידערשאַפט (וואָס נעהמט, אגב, צו ביי איהר יעדע לעגאַלע יורידישע רעכט!) פאַרט אָבער האָט זי זיך אליין געקרוינט אַלס די פיהרער — און פאַרטרעטערשאַפט פונ׳ם גאַנצען אידישען ארץ ישראל.

און אפילו ווען די גדולי ישראל און פיהרער פון דער אָרגאַניזירטער וועלט־אָרטאָדאָקסיע האָבען, נאָך יאָהרען־לאַנגע אונטערהאַנדלונגען, צוגעשטימט צו אנערקענען און אריינצוטרעטען אין דער „אידישער אגענץ" אַלס די פיהרענדע קערפּערשאַפט אין ארץ ישראל־אַרבייט, אויב זיי וועלען זיך בלויז קאָנצענטרירען אויף עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע־טעטיגקייט און זיך נישט אָפּגעבען מיט קולטורעלע אנגעלעגענהייטען, דאָך האָט די ציוניסטישע

אָרגאַניזאַציע דעם פּאָרשלאָג זאָפאָרט אָפּגעוואָרפען, און מותר געווען אויף יעטוועדער אָרטאָדאָקסישער פּאַרטרעטערשאַפט אין דער אידישער אַגענץ! — פּאַרוואָס?... ווייל זיי מוזען זיין בעל־הבתים אויף אלץ! אויך חנוך געהערט צו זיי! ווייל אָהן חנוך, אויב בלויז קאָלאָניזאַציע־אַרבייט, דאַן ווייסען זיי אַז אידען וועלען זיך באַלד כאַפּען און דערקענען די פאַלשקייט פון זייער דרך.

נאַציאָנאַלע רעפאָרם.

זייענדיג קשה געדעכט פאַר זיך, וויסענדיג אַז ציוניזם איז אַ בפרוש'ע סתירה צום טראַדיציאָנעלען אידענטום, האָט ציוניזם זיך גענומען צו רע־עדזשוקירען דאָס עם ד', צו איבערבויען און ענדערען אַלץ, און ממילא איז פון אַ סימפּאַטישער, אומשולדיגער קאָלאָניזאַציע־אַרבייט געקומען צו אַ גע־פעהרליכער רעפאָרם־באַוועגונג, אַ נאַציאָנאַלע רעפאָרם־באַוועגונג!

נישט ליקווידירען נאָר ענדערען דאָס אידישע פאָלק איז מען געקומען! פאַרלייקענען דעם הערליכען עבר אונזערען, פאַרלייקענען די טויזענדער יאָה־רען און די מיליאָנען פון אונזערע עלטערען וועלכע זיינען מיט'ן „שמע ישראל" אויף די ליפּען געגאַנגען אויף די שייטערהויפענס מקדש השם זיין, וועלכע האָבען אַלץ מקריב געווען כדי אז תורה זאָל ווייטער לעבען צווישען זייערע קינדער, אַז אידישע קינדער זאָלען היטען דעם וועג פון תורה ומצוות.

איז מען יעצט געקומען איבעררייסען מיט'ן עבר, מאַכען צונישט און אומזיסט די אַלע קרבנות אונזערע, אָפּברעכען די אויטאָריטעט פון תורה און די גדולי ישראל, מאַכען פון אידען אַ פאָלק גלייך מיט אַלע פעלקער, דער־ציהען אונזער יוגענד אין א גייסט פון כפירה און אפיקורסות, ווייט פון תורה, ווייט פון ישיבה, ווייט פון אידישקייט.

און אַלץ אין נאָמען פון עם ישראל, אין נאָמען פון ארץ ישראל!...

דער טעות, דער הימעלשרייענדער טעות איז וואָס ציוניזם איז אידענ־טיפיצירט געוואָרען מיט ארץ ישראל!

אודאי שטרעבט ציוניזם דערצו, אודאי וויל ציוניזם אַן אייגענעם שטאַט אין ארץ ישראל, אָבער נישט ארץ ישראל אליין שטעהט אויפ'ן ציוניסטישען פּראָגראַם! אויך פאַר די גלות־לענדער איז זייער פּראָגראַם, פאַר דאָהי, פאַר יוראָפ, פאַר איבעראַל! אַ פּראָגראַם פון רעפאָרם, פון ציוניסטישען חנוך, א ציוניסטישע פּרעסע, ציוניסטישע קהלות, ציוניסטישע ליטעראַטור, בקצור, פון איבערנעהמען די פיהרערשאַפט איבער'ן אידישען פאָלק, אָוועק פון תורה,

אוועק פון טראַדיציע! נישט נאָר אין ארץ ישראל, נאָר אויך בארבע כנפות הארץ! — אויך אין די יונייטעד סטייטס!...

און אַלץ אין נאָמען פון ארץ ישראל!...

איז דען אַ וואונדער ווען די חז״ל זאָגען אז איינס פון די דריי פּתחים צום גיהנום געפינט זיך גראד אין ירושלים?...

ריידען טוט מען ועגען „ארץ ישראל״, בראש כל חוצות טומעלט זיך וועגען „עם ישראל״, אָבער דאָס עם ישראל פונ׳ם ציוניזם איז נישט דאָס עם ישראל פון סיני!

אין דערווירקליכקייט האַנדעלט זיך וועגען אַ גאַנץ אנדער פאָלק. דאָס לעצטע איז דאָס פאָלק פון דער תורה, דאָס פאָלק פונ׳ם שלחן ערוך. — זייערס אָבער, דאָס וועלכעס זיי ווילען באַשאַפען אָדער דערציהען, איז דאָס פאָלק פון הערצל און פון אַ קאָנגרעס־מאַיאָריטעט!...

זייער ארץ ישראל איז נישט דאָס ארץ ישראל פון די אבות! זייערס איז א וועלטליכער שטאַט, אַ נאַציאָן ככל הגויים. לויט דער תורה איז עס אן ארץ הקדושה, אַ הייליג לאַנד, אַ לאַנד פון ספּעציעלער געטליכער השגחה און נאָהענטקייט.

די אידענטישע נעמען זיינען קיין באַוויז פון גלייכקייט נישט. פאַר־קערט! זיי זיינען מוטווילינ אויסגעקליבען געוואָרען כדי די מאַסען צו קענען פאַרפיהרען. און אָט דאָס איז די גרויסע סכנה! ציוניזם איז אין דער ווירק־ליכקייט די גרעסטע רעפאָרם וועלכע דאָס אידישע פאָלק האָט אַמאָל געהאַט דורכצוהאַלטען! ציוניזם איז אַ רעזולטאַט פון אסימילאַציע, די שאַפונג פון מענשען וועלכע האָבען איבערגעריסען מיט תורה און אידישקייט, וועלכע ווילען נאָך גערופען ווערען אידישע סיטיזענס אָבער וועלכע ווילען נישט מעהר זיין געבונדען דורך תורה און מצוות, וועלכע ווילען זיין פריי פון רע־ליגיעזע פליכטען און אפילו אינגאַנצען אָהן רעליגיע!

נישט מעהר דאָס עם ד׳, נישט מעהר דאָס פאָלק פון דער תורה זיינען אידען פאַר זיי, נאָר פשוט, א פאָלק, אַ נאַציאָן, ווי אַלע, ווי ענגלאַנד און פראַנקרייך, ווי שוועדען אָדער האָלאַנד!

רעליגיאָנס־פּריוואַטזאַך.

איד־זיין איז בלויז אַ פראַגע פון נאַציאָנאַליטעט! (אפשר איז עס אַמאָל אויך געווען אַ פראַגע פון תורה און רעליגיע, נישט מעהר אָבער היינט.)

אידען זיינען אַ פאָלק, סיטיזענס פונ׳ם אידישען פאָלק, נאַציאָנאַלע אידען! אחוץ דעם קענען זיי זיין וואָס זיי ווילען נאָר.

לויט׳ן אָפיציעלען פסק פונ׳ם גרינדער פונ׳ם ציוניזם (בשעתו געשריבען צו זיינעם אַ פערזענליכען פריינד און אויטאָריטאַטיווער שרייבער פון ציוניסטישער אידעאָלאָגיע, וועלכער האָט צופעליג געהאַט א גוי׳ פאַר אַ ווייב!) שליסט ציוניזם און דער ציוניסטישער שטאַט קיינעם נישט אויס. אַ קאַטאָליק, אַ פּראָטעסטאַנט, אַ מאַכמעדאַנער, אפילו גאָר אַן אַטעאיסט, האָט ער גע׳פסק׳ענט, אבי אויסגעקויפט דעם שקל, געגעבען אין דער פושקע, און מען איז אַ אידישער סיטיזען, אַ איד, א מעמבער פונ׳ם נייעם אידישען פאָלק! גענוי ווי ביי אלע. — יעדער סיטיזען האָט רעליגיאָנס־פרייהייט אין ענגלאַנד און אין די ייינייטעד סטייטס, טאָ פאַרוואָס נישט אויך אינ׳ם אידישען פאָלעס־טיין־שטאַט?...

און למעשה טאַקע האָט דער זון פון אָט דעם „ציוניסטישען משיח" אליין געוויזען אז ער שמד זיך טאַקע און בלייבט פאָרט אַ מעמבער פונ׳ם טאַטענס אידענשטאַט!...

אָט אזא סאָרט אידיש פאָלק באַשאַפט דער ציוניזם...

רעפאָרם האָט געוואָלט צונעהמען ביי אונז דעם נאַציאָנאַלען כאַראַקטער, ציוניזם אָבער וויל ענדערען אונזער פאָלקס־כאַראַקטער!

די ליבעראַלע רעפאָרם האָט געשאַפען אַ סטאַטוס פון „דויטשער שטאַטסבירגער מיט מאָזאַאישען גלויבען". דער ציוניזם אָבער האָט ערפונדען אַ טיפּ פון אַ „אידישען שטאַטסבירגער מיט אָדער אָהן אַ גלויבען"!...

זייער משיח.

אודאי האָט ער געמיינט עהרליך, אָט דער גרינדער פונ׳ם ציוניזם! — וואָס קען מען אָבער שליסליך דערוואַרטען פון אן איינפאַכען ווינער סטודענט, אַן אַנאַלפאַבעט אין אידישע ענינים, וועלכער האָט בכלל נישט געהאַט קיין שום ידיעה פון תורה און אידישקייט, וועלכער איז דערצויגען געוואָרען אינ׳ם אריסטאָקראַטישען סאַלאָן־מעסיגען גייסט פון עסטרייך־אונגאַרישער אסימילאַציע? האָט מען פון איהם דען געקענט עפּעס אַנדערש דערוואַרטען ווי אייראָפּעאיזם, ווי מעסטען דאָס אידישע פאָלק מיט דעם מאשטאַב פון יוראָפּ און איהרע פעלקער, ככל הגויים?...

אודאי נישט! אודאי האָט מען פון איהם, דעם עסטרייכער, נישט גע־

קענט עפּעס אַנדערש דערוואַרטען! אָבער שליסליך, מיר אידען מיט תורה ומצוות, וואָס פאַר אַ שייכות האָבען מיר צו איהם?... וועלען מיר, פאַר וועלכע אידענטום איז קיינמאָל נישט געווען קיין פּראָבלעם, מיר וועלכע לעבען אידישע געשיכטע אינ׳ם פולען זין פון וואָרט, וועלכע זיינען נאָך שטענדיג די דבקים בד׳ אלוקינו, מיר וועלכע ווייסען יאָ דעם אמת, וועלכע קענען יאָ דעם כח, דאָס מהות און ציל פונ׳ם אידישען פאָלק, וועלען מיר געהן לערנען און זיך לאָזען איינרעדען נייע דעפיניציעס וועגען עם ישראל און ארץ־ישראל?... וועלען מיר געהן פאַרבייטען די פיהרערשאַפט פון די רועי ישראל, די גדולי התורה והיראה, די מסירות־נפש׳דיגע קעמפער פאַר ג־ט און זיין תורה, וועלען מיר זיי פאַרבייטען און שטעלען זיך אונטער דער פיהרערשאַפט פון די מאָדערנע, געגאָלטע מחללי שבת און אוכלי נבלות וטרפות, וועלכע ווילען מיט געוואַלט אַנוואַרפען זייער פיהרערשאַפט אויפ׳ן אויסגעמוטשע־טען אידישען פאָלק?... וועלען מיר פרייווילליג נאָכטאַנצען און צובאַמבקען צו אָט די אַלע באַצאָהלטע דעמאַגאָגען וועלכע רעדען אידען איין אז ער, דער גלוי־ראש׳דיגער ווינער זשורנאַליסט איז עס דער אזוי לאַנג און אזוי שטאַרק דערוואַרטעטער משיח, דער דערלייזער, דער בחיר ד׳, דער אויסדערוועהל־טער, וואָס „נחה עליו רוח ד׳, רוח חכמה ובינה, רוח עצה וגבורה, רוח דעת ויראת השם״? — ער, דער מחלל שבת און אוכל נבלות וטרפות, וועלכער האָט ביז כמעט אין זיינע מיטעלע יאָהרען אפילו נישט געוואוסט אַז עס זיינען נאָך פאַראַנען מיליאָנען אידען וועלכע דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג, פאַר וועלכע דער שבת איז דאָס הייליגסטע און וועלכע טראַכטען בכלל נישט וועגען אונ־טערגעהן אין גלות, מיט אָדער אָהן א לאַנד, ווי דער ציוניזם שרייבט זיי פאַר! ער, וועלכער האָט אפילו זייער לשון, נישט אידיש און נישט לשון הקודש געקענט? — — און ע ר זאָל עס זיין דער גואל און פיהרער וועלכער קומט מיטאַמאָל לערנען אידען וועגען אַ ניי סאָרט אידישקייט, און א י ה ם זאָלען מיר טאַקע נאָכגעהן?...

יאָ! אַ דאַנק איהם, אַ האַרציגען „יישר־כח״, גיט איהם דעם גאַנצען קרעדיט פאַר אָט די אַלע באַקוועמע אסימילירטע רעפאָרמערס וועלכע ער און זיינע חברים האָבען אויפגעוועקט און ווידער דערמאָהנט אַז זיי זיינען דאָך אידען! טאַקע גוט געווען אָט דער ציוניזם, וועלכער איז פאַר אַ טייל אסימילאַנטען געווען דער ערשטער שריט צוריק צו אידישקייט. אָבער האָט עס דען א זין זיך אָפּצושטעלען ביים ערשטען שריט, צו בלייבען ביי די

אלף ?... דאַרפֿען זיי דען נישט ווייטער געהן, אַלץ מעהר און מעהר, צוריק, אינגאַנצען אריין אינ׳ם אידישען פאָלק ? אָדער האָט עס א זין, ווייל זיי, די שאפערס און גרינדערס פון ציוניזם, האָבען נישט געהאַט קיין רייכערע פּאָ־זיטיווע אויפפאַסונג פון אידען און אידיש פאָלק, האָט עס יעצט א זין, איז עס נישט קיין חוזק, איז עס נישט באמת קיין הימעלשרייענדע פאַרלוימדונג און אונפאַרגעבליכע פאַרשעהמונג פונ׳ם כבוד ישראל אויב, נאָך טויזענד־יעהריגער שטאָלצער אידישער געשיכטע און מאַרטירערטום, וואָגען מענשען וועלכע האָבען זיך קאָם־קאָם דערמאָהנט אַז זיי געהערען צום אידישען פאָלק, אַז זיי זאָלען גאָר קומען מיט פּרעטענציעס, זאָלען גאָר ווערלען אַראָפּשלעפּען די איבעריגע אידען, די קינדער פונ׳ם רבונו־של־עולם׳ס חדר, וועלכע האָבען נישט געמוזט וואַרטען אויף דעם אַנטיסעמיטיזם כדי זיך צו דערמאָהנען אַז זיי זיינען אידען, זאָל מען זיי יעצט געהן אַראָפּשלעפּען צו די אָרימע און פּוסטע קאָפּיאירטע השגות פון אייראָפּעאישען נאַציאָנאַליזם און וועלטליכ־קייט ?

הייסט דאָס אפשר אויפבוי און פּראָגרעס ?...

ארץ ישראל ארבייט.

און וואָס וועגען דער פּאָזיטיווער זייט פון ציוניזם: די ארץ ישראל ארבייט ?...

איך פלוג אַלץ שעהן און פיין. אויסגעקויפט באָדען, געשאַפען קאָ־לאָניעס, איינגעפיהרט נייע אינדוסטריעס מיט רייכע פּערספּעקטיווען, געבויט שטעדט און דערפער, געלייגט דעם יסוד פאַר א אידישער קאָמאָנוועלט וכו׳ וכו׳. — פּאַרט אָבער גוט זיך אָפּצושטעלען ביי אָט דער ארץ ישראל ארבייט. — אפשר וועלען מיר דאָך זעהן מעהר ווי מען וואָלט אונז געוואָלט לאָזען וויסען !...

„מיר בויען ארץ ישראל! עס בויט זיך!“ — אודאי בויט זיך, אודאי איז אַ גרויסער טייל פון דעם לאַנד פון אונזערע אבות געענדערט געוואָרען פון אן אונפּרוכטבאַרער, טרוקענער וויסטעניש צו הערליכע גרינע גנים ופרדסים. אודאי הערט זיך ווידער דאָס לשון פון די אבות, דאָס לשון פון ישעיהו און ירמיהו. — אָבער וואָס רעדט דאָס לשון? זיינען עס ישעי׳ס ווער־טער, אָדער ירמיהו׳ס ?... איז דער אויפבוי טאַקע א געהייליגטער? רוהט דער האָמער אן שבת און איז דער יום־טוב טאַקע א יום־טוב ?...

ליידער נויטיגען זיך קיין אויספיהרליכע באַשרייבונגען. — פולשטענ־דיגע אנערקענונג וואָלט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע געקומען פאַר אַלץ וואָס זי האָט געטאָן פאַר דער קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל אויב תורה און שבת, אויב כשרות און אַלץ וואָס איז אונז הייליג וואָלט נישט דערפאַר גע־אָפּפערט געוואָרען! — ליידער אָבער איז די ווירקליכקייט אַן אנדערע! ליידער איז קדושת הארץ מיט די פיס געטראָטען געוואָרען. ליידער איז חלול שבת אַ גאַנץ נאָרמאַלע ערשיינונג. חמץ בפסח איז אויך קיין נייעס נישט אינ׳ם ציוניסטישען לאַנד, וועלכעס ווערט אָנגעפיהרט פון אַ סטאַבילער מאַיאָרי־טעט פון פּועלי־ציון און זייער טאָלעראַנטלאָזע „הסתדרות העובדים״. קבוצות און מחנות, געבויט און דערהאַלטען מיט׳ן געלד פונ׳ם כלל ישראל, זיינען פעסטונגען פון כפירה און שנאת ד׳, זיינען די שולען וואו אידישע קינדער ווערען דערצויגען על ברכי המרקסיזם והאפיקורסות. אַלץ „אָקאָר־דינג טו פּלאַן״, ווי עס האָבען געטראַכט די ציוניסטישע פיהרערס: אַ פאָלק ווי אַלע פעלקער, מיט וועלטליכקייט און פרעמדע קולטורען, מיט טעאַטערס און מואווים, מיט קונסט און ביבעל־קריטיק!...

אונטער׳ן דעקמאַנטעל פון „גאולה״ און מיט׳ן אָרימען גראַשען פון אומשולדיגע אידען האָט זיך אָנגעהויבען אַ שרעקליכע נאַציאָנאַלע אַסימי־לאַציע. אונטער׳ן שוץ פון „לשון הקודש״ איז דורכגעפיהרט געוואָרען אַ מורא׳דיגע קולטורעלע פאַרגיפטיגונג! אנשטאט „תורה״ איז „לאַנד״ גע־וואָרען דער לעבענספאַקטאָר פון אידען. פושעים וכופרים זיינען די נייע מנהיגי האומה. אין ארץ ישראל, אין סאַמע ירושלים איז געבויט געוואָרען (ווידער אַמאָל מיט אידיש געלד!) אַ פעסטונג, אַ גיפטיגער מקור פון שנאת השם, כפירה און אפיקורסות. — א נייער מין איד, אַ נאַציאָנאַלער איד איז געשאַפען געוואָרען! נישט תורה! נישט שבת! נישט כשרות און נישט ג־ט! — לאַנד! ערד! אין דעם זכות לעבט מען!...

גלות אין ארץ ישראל.

ווער אָבער ווערט נישט געדולדעט אין אַט דעם מאָדערנעם, טאָלע־ראַנטען פּאַלעסטיין? פאַר וועמען איז נישטאָ קיין אָרט אין דעם לאַנד פון אונזערע אבות? וועמען וויל מען דאָרטען בשום אופן נישט האָבען?...

אַלע זיינען ווילקאָמען, אַלע זיינען געדולדעט, נאָר בלויז איין טייל פון אידען נישט: דער פרומער איד נישט! פאַר׳ן אָרטאָדאָקסישען איד איז ניטאָ

קיין אָרט אינ׳ם לאַנד פון דער תורה!

„רעליגיאָנס־פרייהייט״! „טאָלעראַנץ״! — בלויז פאַר פראָפּאַגאַנדע־צוועקען האָט מען זיך מיט זיי באַנוצט, למעשה אָבער האָלט מען גאָרנישט דערביי. אָרטאָדאָקסישע אידען האָבען קיין אָרט נישט אין ארץ ישראל! זיי, די אידען וועלכע האָבען צוויי טויזענד יאָהר לאַנג אויפגעהאַלטען די ליבשאַפט און בענקעניש צו דער מאַמע ציון, וואָס נאָר א דאַנק זיי איז נאָך היינט פאַראַנען א חלוץ אָדער חלוצה וועלכע ווייסען אז ארץ ישראל איז אונזערס, די אידען וואָס זיינען געווען די ערשטע פּיאָנערען, נאָך מיט הונדערטער יאָהרען צוריק, ווען די עלי׳ קיין ארץ ישראל איז געווען אַ לעבענס־געפעהרליך מאַרטירערטום פון יאָהרענלאַנגע רייזעס און ענטבערונגען, זיי וועלכע האָבען אויך אָנגעהויבען דעם היינטיגען אויפבוי פון ארץ ישראל, די ערשטע גרויסע קאָלאָניעס, ווי „פתח תקוה״, „זכרון יעקב״, „מקוה ישראל״ און „ראשון לציון״, וועלכע זיינען גענצליך געבויט געוואָרען דורך אידען שומרי תורה ומצוות, פאַר זיי איז ניטאָ קיין אָרט אינ׳ם אידישען לאַנד! זיי וויל מען דאָרטען נישט! — אַן עפענטליכע, אונפאַרשעהמטע דיסקרימינאַציע ווערט טאָג־טעגליך געפיהרט קעגען זיי. — — מילא, זיי זיינען שוין דאָ אין ארץ ישראל איז שוועער זיי פטור צו ווערען! אַ לייכט לעבען זאָלען זיי אָבער לכל־הפחות נישט האָבען!...

רעכטען פאַר דער אָרטאָדאָקסיע אין ארץ ישראל? — אודאי נישט! זעלבסטשטענדיגע קהלות פאַר פרומע אידען? — בשום אופן נישט!... משועבדים צום ציוניזם מוזען זיי בלייבען! — — און טאַקע נאָר אַ דאַנק דאָס „פאַלשע ענגלאַנד״ וואָס זיי זיינען געצוואונגען געוואָרען צו דערלויבען די אָרטאָדאָקסיע אין ארץ ישראל צו גרינדען אן אייגען קהלה־וועזען עפ״י דין תורה.

אַז אָט די אָרטאָדאָקסישע קהלה זאָל אָבער זיין אַ פולשטענדיגע אָפּיציעלע קהלה, מיט אַ טייל אינ׳ם אָפיציעלען בודזשעט פאַר אָרטאָדאָקסישע שולען, חנוך און סאָציאַלע אנשטאַלטען א. ד. פאַר וועלכע אויך די אָרטאָדאָקסישע אידען אין א״י מוזען צאָהלען די רעגירונגס־שטייערען, אָט דאָס האָט אפילו ענגלאַנד שוין נישט געקענט דורכזעצען ביי אחינו בני ישראל!

אריינלאָזען אָרטאָדאָקסישע אידען אין ארץ ישראל אריין?... חלילה וחס! ניטאָ קיין אָרט פאַר זיי! — — און ווידער נאָר אַ דאַנק דאָס „פאַלשע ענגלאַנד״ וועלכעס האָט געסטראַשעט די שאָוויניסטישע אַגענץ־דירעקטאָרען

אז זי וועט זיך אין פֿאַרבינדונג שטעלען מיט דער אָרטאָדאָקסיע גופא, נאָר א דאַנק איהר וואָס אַ פרומער איד באַקומט דאָך נאָך אַמאָל־אַמאָל אַ סער־טיפיקאַט אינ׳ם אידישען לאַנד אריין !...

ווערען שרידי פליטה געראַטעוועט פון דעם היטלער גיהנום, געלינגט עס ארויסצוכאַפּען איינעם פון צעהן־טויזענדער אויס די בלוטיגע מערדער־הענד פון די נאַציס; געלינגט עס שוין זיי צוצוברייינגען צום ברעג ים, צו די שיפען וועלכע פיהרען צו פרייהייט, אפילו דעמאָלט, אין דער מעהרסט טראגישער פעריאָדע פון אידישער געשיכטע, אפילו דעמאָלט איז ניטאָ קיין אָרט פאַר׳ן פרומען איד. אפילו אין אַזאַ הארצרייסענדען מאָמענט האָבען די פאַרטרעטער פון דער אידישער אַגענץ זיך נישט אָפּגעשראָקען צו אונטערזוכען יעדען „פאַרדעכטיגען" צי ער טראָגט נישט חלילה „ארבע־כנפות". אפילו אין אַזאַ מאָמענט פון חורבן האָבען די ארץ ישראל׳דיגע מנהיגים נישט פאַרמאָגט די ברייטקייט און טאָלעראַנץ פון אַוועקלאָזען די קליינליכע פאַרטיי־באַריערעס, אפילו אין אזא ביטערען מאָמענט איז דער באַפעל געגעבען געוואָרען יעדען געראַטעוועטען אידען צו פרעגען צו וועל־כער אידישער אָרגאַניזאַציע ער געהערט, ערשט צו ראַטעווען די פאַרטיי־גענאָסען ציונים און פועלי־ציון, און לאָזט מען דעם תורה־געטרייען איד אפילו נישט ארויף אויף דער שיף קיין ארץ ישראל !... .

ווערען אידישע קינדער געראַטעוועט, קינדער פון חסידישע עלטע־רען, תלמידי חכמים און רבנים, אפילו דעמאָלט לאָזט מען זיי קיין שייכות צו אָרטאָדאָקסיע נישט. מיט געוואַלט און נאַציסטישער אכזריות ווערען זיי געצוואונגען צו חלול שבת, צו עסען אן יום הכפורים און ווערען זיי שליסליך איבערגעגעבען אין די הענד פון די מאַרקסיסטען־מיט׳ן־בלוי־ווייסן־פעהנ־דעל !...

און אַלץ דורך ועמען ? אויף וועמענס באַפעהל ?... דורך אָט די וועלכע פרעטענדירען צו זיין די פיהרערס פונ׳ם אידישען פאָלק, וועלכע לעבען אויף קאָסטען פונ׳ם אידישען פאָלק, און וועלכע שעהמען זיך אפילו נישט, נאָך אַלץ, צו נעהמען געלדער ביי אָרטאָדאָקסישע אידען אליין !...

נאָך פופציג יאָהר.

און דער גאַנצער ארץ ישראל עקספערימענט גופא, וואו האַלט ער ?... ברוך השם, אדורך פופציג יאָהר ציוניסטישע טעטיגקייט, פופציג

יאָהר פון זאַמלען געלדער, פון בויען און ארבייט, אָבער וואו איז די הערלי־כע גאולה, וואו איז די אידישע נאַציאָנאַלע היים?...

פאַרלאָזען האָט מען זיך אויף אַ שטיקעל פאַפיר, געבויט האָט מען אויף דער אָפּאָרטוניסטישער דעקלאַראַציע פונ׳ם בשר־ודם, מקבל געווען האָט מען די שעהנע פאַרשפּרעכונגען פון די גוים און זייערע שטאַטסמענער, נישט צום „בונה ירושלים״ נאָר צום וועלט־געוויסען האָט מען אַפּעלירט, צו דעם זעלבען וועלט־געוויסען וועלכער איז געבליבען לגמרי גלייכגילטיג, וועלכער האָט אפילו קיין טרייסעל נישט געטאָן ביי די מערדערליכע, קאַלט־בלוטיגע שחיטות פון מיליאָנען אידען, טאַטעס און מאַמעס, קינדער און זקנים, — אָט אויף דעם האָט מען זיך פאַרלאָזען!

אין אַן אויפגעבלאָזענעם רויש פון באַגייסטערונג און אָפּטימיזם האָט מען שוין אפילו געהאַט איינגעטיילט צווישען זיך די כבודים, מי בראש, ווער אינ׳ם מיניסטעריום און ווער אין קאָנסולאַט, ווער א מעיאָר און ווער אַ פּאָליציי־קאָמיסאַר. — פאַרגעסען האָט מען אָבער אַז „חסד לאומים חטאת״ און אַז „ארור הגבר אשר יבטח באדם״, פאַרגעסען האָט מען אַז ס׳איז געווען אַ טעות פון קורצזיכטיגקייט און זעלבסט־אָפּנאַרעריי צו פאַרבינדען דעם גאַנצען אידישען „גאולה־פּלאַן״ מיט די אינטערעסען פון אַן ענגלישער אויס־לענדישער פּאָליטיק, וועלכע מוז זיך פאָרט ענדערען מיט דער צייט, און, מיט ביטערער און האַרצרייסענדער אנטוישונג, איז מען יעצט געוואָר געוואָרען, קודם־כל וועגען א צערטיילונגס־פּלאַן, און דערנאָך וועגען אַ „ווייסען פּאַפּיר״, אַז די וועלט־מאַכטען האָבען בכלל נישט געטראַכט וועגען אַ זעלבסטשטענ־דיגער אידישער מלוכה. גאָר אָפּגענאַרט האָט מען אונז! געהאַנדעלט האָט זיך בלויז וועגען אַ שטיקעל אידישע היים אינערהאַלב ארץ ישראל. — און דאָס אליין אויך ערשט כולי האי ואולי!...

זיינען אָבער אידען אַן עם קשי עורף און לאָזען זיך נישט! — פאַראַ־נען אַזעלכע וועלכע האַלטען אַז מיר זאָלען געהן מיט געוואַלט, אַז מיר זאָלען סטראַשען ענגלאַנד מיט אונזער מאַכט. מיר דאַרפען א אידישע אַרמיי, און אויב נויטיג וועלען מיר נעהמען ארץ ישראל מיט געוואַלט, מיט אונזערע בלוי־ווייסע טענקס און עראָפּלאַנס! זיי טענה׳ן אז מיר זאָלען קעמפען, מילי־טאַנטיש, קעמפען קעגען ענגלאַנד, קעמפען קעגען די אַראַבער, פיהרען מלחמה מיט דער גאַנצער וועלט, אבי נאָר ארץ ישראל.

פאַראַנען אָבער מעהר רעאַלע ציוניסטען. זיי ווייסען ווי וויט אידישע

קאַנאַנען קענען אונז ברייִנגען, ממילא האָבען זיי זיך גענומען צום פרידליכען וועג פון דיפּלאָמאַטיע, און רעכענען ווידער, באין ברירה, אויף׳ן געוויסען פון דער וועלט אָדער פון אַמעריקאַ.

קיין לאָנדאָן איז מען געפאָהרען און פאַהרט מען, צום גרינעם טיש, צום רונדען טיש, צו כל-המינים טישען, מאָהנען יושר, צדק ומשפט: „פאַר־וואָס גיט מען אונז נישט ארץ ישראל? ס׳איז דאָך אונזערס, דאָס לאַנד פון די אבות!"

און מיטאַמאָל איז מען גאָר געקומען מיט׳ן תנ״ך אין דער האַנד. שוואַרץ אויף ווייס האָט מען די ענגלישע שטאַטסמענער און ביבעל-קענער געוויזען אַז ג־ט האָט אונז דאָס לאַנד צוגעזאָגט און אפילו צוגעשוואוירען, פאַר איי־ביג. נאָך צו אברהם אבינו, איידער עס האָבען נאָך עקזיסטירט אַראַבער, האָט ער עס אונז געגעבען. ממילא טאָר זי, ענגלאַנד, עס נישט צוריקהאַל־טען פון אונז!

קען אָבער ענגלאַנד אויך צוביסלעך „די ביבעל", און צו זייער גרויסער חרפה האָבען די מאָדערנע פיהרער געמוזט הערען ווי מען פרעגט זיי אינ׳ם ענגלישען קאָלאָניאַל-אָפּיס צי זיי זיינען טאַקע דאָס פאָלק פון „די ביבעל", פאַרוואָס זיי טאָלערירען נישט די אָרטאָדאָקסיע וועלכע לעבט לויט די גע־זעצען פון דער זעלבער ביבעל, און, שליסליך, אויב זיי ווילען געהן אויף׳ן יסוד פון ביבעל-הבטחות, פאַרוואָס זיי זיינען דען אויך נישט מקבל דעם רעשט, אַלע 613 מצוות התורה!

אַט אזוי האָט ענגלאַנד געפרעגט, און זיינען ציוניסטען טאַקע אין כעס אויף איהר ווייל זי וויל נישט אנערקענען די ביבעל-מאָטיווירונג פון אונזערע רעכט אויף ארץ ישראל! — ווייל, שליסליך, וואָס בלייבט זיי?... די באַלפור־דעקלאַראַציע האָט זיך אויסגעלאָזען מיט גאָרנישט. טראָץ אַלע פּראָטעסטען און מאַסען-מיטינגען ווייסען דאָך אלע היינט אז אין דעם האָפּ־נונגס־ברענענדען שטיק פּאַפּיר רעדט זיך בכלל נישט וועגען אַ אידישער מלוכה נאָר בלויז וועגען אַ אידישער היים אין אַ טייל פון ארץ ישראל. די ביבעל-אַרגומענטען, קומענדיג אויסן מונד פון אידען וועלכע האָבען איבער־געבראָכען מיט טראַדיציע און תורה, קלינגען ווי א חוזק אין די אויערען פון יעדען ניכטערען ענגלענדער, טאָ מיט וועלכען רעכט קומט מען דאן מאָהנען

ארץ ישראל ?... בלויז ווייל אונז אידען קומט אן אייגען לאַנד ? אָדער ווייל אידען האָבען עטליכע צעהנדליג יאָהר לאַנג אריינגעלייגט קאַפּיטאַלען, אר־בייט און שווייס אין דער ארץ ישראל׳דיגער ערד אריין ?... איז דאָס אַן אַרגומענטירונג מיט וועלכער מען קען קומען צום פרידענסטיש, ווען דער מאָמענט פון אונטערהאַנדלונגען וועט ענדליך קומען ? איז עס טאַקע גענוג ?...

איז דען אַ וואונדער וואָס ציוניסטען זיינען אַזוי אין כעס אויף ענגלאַנד פאַרוואָס זי האָט זיי ארויסגענומען פון האַנד די וואָפע פון אנשפּרוכען, פאָ־דערונגען און רעכט אויף אַן אייגענער מלוכה אין ארץ ישראל ?...

און די גאַנצע קאָלאָניזאַציע־ארבייט, איז זי טאַקע אַזאַ אויסערגע־וועהנליכע ?...

יאָ ! פאַר מענשען וועלכע קוקען נאָר אויף רעזולטאַטען, אויף דעם וואָס מען זעהט מיט די אויגען, אָבער וועלכע טראַכטען נישט וועגען דעם וואָס האָט געקענט געשאַפען ווערען אין דער זעלבער צייט און מיט די זעלבע מיטלען, פאַר זיי, מיט זייערע ג׳ טפחים׳דיגע השגות, איז עס טאַקע אַן אונ־גלויבליכע לייסטונג. מיט ערשטוינונג לייענען זיי די בראָשורען און באַ־ריכטען וועגען דאָס דערגרייכטע, און מיט שטאָלץ טראַכטען זיי אַז זייערע עטליכע דאָלאַרס האָבען צוגעהאָלפען דערצו.

קוים טראַכט מען אָבער וועגען די מעגליכקייטען, וועגען די אונבאַ־גרעניצטע מיטלען און די אויסערגעוועהנליכע געלעגענהייטען, וועגען דעם וואָס דער זעלבער מעכטיגער פּאַרטיי־אַפּאַראַט איז בכח געווען צו שאַפען, דאַן דערוויזט זיך דאָס בילד און די דערגרייכונגען פונ׳ם דריטען ישוב אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט.

פופציג יאָר לאַנג זיינען געלדער געזאַמעלט געוואָרען פאַר ארץ ישראל, פופציג יאָהר לאַנג האָבען אידען געגעבען מיט אויסערגעוועהנליכע ברייט־האַרציגקייט ; די וויכטיגסטע און גרעסטע קאָלאָניעס דאַטירען נאָך פון פאַר דער גרינדונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אויסגעשטרעקטע שטי־קער לאַנד זיינען דורך באַראָן ראָטשילד, דער „נדיב הידוע״ און אַנדערע מתנדבים בעם געקויפט און שפּעטער אונטער דער פאַרוואַלטונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע געשטעלט געוואָרען, מיליאָנען און נאָך אַמאָל מיליאָנען ענגלישע פונטען זיינען געזאַמעלט געוואָרען פאַר די ציוניסטישע

פאָנדס, געלד און נאָך אַמאָל געלד, גענוג אום אויסצולייזען גאַנץ ארץ ישראל מיט'ן עבר הירדן (פאַרט אָבער איז בלויז אַ גאַנץ קליינער טייל פון ארץ ישראל אליין אין אידישע הענד!) מיליאָנען און נאָך אַמאָל מיליאָנען זיינען אריינגעלייגט געוואָרען אין דער ארץ ישראל'דיגער ערד אריין, און... פאַרט געהט עס נישט, פאַרט רוהט נישט קיין ברכה אויף זייער ארבייט!

פופציג יאָהר, דאָך נישט קיין אָנהויב מעהר, און נאָך אַלץ איז ארץ ישראל בלויז אַן עקספּערימענט! פאַרט נישט קיין חי נושא את עצמו! נאָך גאַנצע פופציג יאָהר פאַרט אָנגעוויזען אויף דער פושקע, אויף די געלדער וועלכע ווערען געזאַמעלט אין אמעריקא, אין ענגלאַנד און אין אַנדערע לענדער, און אָהן וועלכע דער ארץ ישראל'דיגער ישוב מוז אונטערגעהן, אָהן וועלכע זיי קענען נישט עקזיסטירען! — נאָך אַלץ אַ רחמנות-ביזנעס, אַ גרויסע, סיסטעמאַטישע און גוט אָרגאַניזירטע שנאָרעריי!!!...

וואו עס זיינען דען אהינגעקומען די געלדער ?... פאַראַנען עקספּענסעס, פאַראַנען נויטיגע הוצאות, פאַראַנען דער פּאַרטיי-אַפּאַראַט, פאַראַנען די אַל-וועלטליכע לאַנדעס-אָרגאַניזאַציעס פון ציוניסטען און מזרחי וועלכע באַקומען אַ ראַיאַלען יעהרליכען בודזשעט פונ'ם „אידישען נאַציאָנאַל פאָנד", פאַראַנען די ציוניסטישע פיהרערס, און... רופט עס ווי איהר ווילט, „אויף שטאַטס קאָסטען", „עהרען-געהאַלט", „האָנאָראר", ווי איהר ווילט נאָר. אַ לעבען מוז מען פאַרט מאַכען!...

באַצאָהלען דען אמעריקא און ענגלאַנד נישט זייערע קאָנגרעס-לייט ? טאָ, פאַרוואָס זאָלען אידען דען זיין אַנדערש ?... אי, ארץ ישראל ?... מאַכט נישט ! טוט מען אביסעלע ווייניגער ! וועט מען איבעראַיאָהרען קויפען באָדען ! קיינמאָל נישט צו שפּעט.

אַז אינצווישען ווערט אָבער שפּעט, אַז אין דער צייט ווען דאָס קויפען פון באָדען איז געווען אונבאַגרעניצט און ביליג האָט מען פאַרנוצט געלדער פאר'ן פאַרטיי-אַפּאַראַט, און אַז יעצט ווען עס איז שוין צו שפּעט הויבט מען אָן צו שרייען געוואלט פאַרוואָס מען האָט באַגרעניצט די רעכט צו קויפען באָדען, — אָט דאָס מאַכט נישט ! מצד אחד זיינען די וועלכע זיצען ביי דער שיסעל אפשר גאָר צופרידען, פון דער אַנדערער זייט אָבער נוצט מען ווידער אויס אָט די „ענגלישע גזרות" פאר'ן זאַמלען פון נייע געלדער. — „מיר

מוזען אויסקויפען דאָס לאַנד! זאָל אפילו קאָסטען מעהר!" אי מען לאָזט דאָך נישט?... מען קען דאָך נישט קויפען? — מאַכט נישט! געלד מוז גע־זאַמעלט ווערען! דער וואָגען מוז ווייטער פאָהרען! אידען מוזען דעמאָנס־טרירען זייער אהבת ציון מיט גרעסערע נדבות ווי אַמאָל. „גיט נאָר, אידע־לעך! גיט!...".

דער ארץ ישראל־מאָנאָפּאָל.

וויל אָבער נאָך איינער טאָן פאַר ארץ ישראל, ווילען אויך אַנדערע שאַפען און זיין אַקטיוו פאר'ן בוי פון אונזער לאַנד, ווילען למשל אויך אָרטאָ־דאָקסישע אידען אריינלייגען ארבייט און זאַמלען פאַר גאולת הארץ, דאַן ווייזט זיך דער אמת. דאַן ווייזט זיך ארויס צי מען מיינט טאַקע ארץ ישראל אָדער בלויז פּאַרטיי־פּאָליטיק.

האָבען למשל אָרטאָדאָקסישע אידען (מיט אונגעפעהר צוואַנציג יאָהר צוריק) איינגעאָרדענט אַז אזוי־גערופענע פירטע עלי', האָט מען אָנגעהוי־בען די נויטיגע טראַנזאַקציעס פאר'ן אויסקויפען פון עטליכע פופציג טויזענד דונאַם ערד פון אַראַבישע הענד, — ווי אַ שטורם איז מיטאַמאָל ארויס דער ציוניסטישער צאָרן. מיט כעס און גיפטיגקייט האָט מען געשטורעמט: „ווי וואַגט איהר טאָן פאַר ארץ ישראל? מיט וועלכען רעכט געהט איהר קויפען באָדען? וכו'". און, ברוך השם, ס'איז זיי געלונגען! אַ דאַנק זייער העצע און פאַרלוימדונגען איז דער פּלאַן בטל געוואָרען! דער קאָנטראַקט האָט געמוזט אנולירט ווערען! אולם און מעדר זיינען כמעט אינגאַנצען פאַרבלי־בען אין אַראַבישע הענד! — אבי קיין אַנדערער טוט נאָר נישט!...

ארץ ישראל ארבייט איז מאָנאָפּאָליזירט געוואָרען! צום ערשטען מאָל אין דער אידישער געשיכטע האָבען געוויסע אידען גענומען אַ פּאַטענט אויף ארץ ישראל ארבייט! צום ערשטען מאָל אין דער אידישער געשיכטע הערט זיך אַ שטימע אַז נישט אלע אידען האָבען גלייכע רעכט אויף און אין דעם לאַנד פון אונזערע אבות! נאָך 3217 יאָהר אידיש ארץ ישראל קומט פּלוצים אַ געוויסע גרופּע אידען מאָהנען דין־קדימה אויף ארץ ישראל, דאָס לאַנד פון די אבות, דאָס לאַנד פון אַלע אידען! 3217 יאָהר נאָך די טעג פון יהושע־בן־נון קומט פּלוצים אַ פראַקציע פונ'ם אידישען פאָלק ארויפצווינגען זייער בעל־הבית'דיגקייט אויפ'ן לאַנד פונ'ם עם ישראל!... זיי, בלויז זיי, און קיין

אַנדערער נישט! קיינער האָט דאָס רעכט צו טאָן פאַר ארץ ישראל! זיי זיינען געוועזן די ערשטע! ס'איז זייערס! ענגלאַנד האָט מיט זיי אונטערהאַנדעלט! זיי איז עס געגעבען געוואָרען! — — — אזוי ווי ווען די באַלפור־דעקלאַראַציע וואָלט טאַקע גערעדט וועגען אַ „נאַציאָנאַלער היים פאַר די ציוניסטען" און נישט „פאר די אידען", פאַר אלע אידען!...

איז דאָן א וואונדער אַז עס רוהט נישט קיין ברכה אויף זייער ארבייט? איז דאָן נישט צו פאַרשטעהן פאַרוואָס עס האָבען זיך געמוזט שאַפען אזוי־פיל קאָנפליקטען, אזוי־פיל רייבונגען און פראַקציעס, אפילו אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אליין?...

און די צוקונפט?

און שליסליך, וואו איז די צוקונפט פונ'ם ציוניזם? וואו איז זייער יוגענד? וואו איז זייער אַמאָליגער אידעאַליזם?...

יאָ, די ערשטע גענעראַציע, די קינדער פון אָט די אידען וועלכע האָבען נאָך געבעטען דריי מאָל אַ טאָג „ולירושלים עירך", זיי וועלכע האָבען גע־ירש'נט פון זייערע עלטערען דעם אידישען ברען, ביי זיי איז ציון געוועזן „דאָס" אידעאַל און ציל! — וואו געפינט איהר זיי אָבער היינט?... צווישען אָט די אונצעהליגע חלוצים וועלכע אַנטלויפען פונ'ם לאַנד אין די שטעדט אריין?... אָדער אפשר צווישען די וועלכע האָבען שליסליך פאַרביטען ארץ ישראל פאַר'ן פרייען אמעריקא וואו מען מוז נישט „קאָפען די ערד" אום צו מאַכען אַ שטיקעל לעבען?...

פאַרלויפיג איז נאָך פאַראַן אַ רעזערוואואַר פון וואַנען צו שעפּען. גענוי ווי די ליבעראַלע רעפאָרם נעהמט אויך די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איהר נייעס מענשען־מאַטעריאַל נישט פון די קינדער פון דער ערשטער גענעראַציע פון ציוניסטען נאָר פון די, נאָך שטענדיג צאָהלרייכע אָרטאָדאָקסישע קרייזען! פון דאָרטען שלעפּט זי אַוועק די יוגענד, גענוי ווי זי האָט עס געטאָן מיט דרייסיג און מיט פופציג יאָהר צוריק. — די קינדער פון זייערע אייגענע ציוניסטען אָבער, זיי האַלטען שוין פיל ווייטער! זיי האַלטען שוין אַ מדרגה ווייטער ווי ציוניזם!... זיי גיבען נאָך פאַר ארץ ישראל, געלד לאָזען זיי זיך קאָסטען, אפילו צו אַ געשמאַקען באַנקעט קען מען זיי מיט'ן ווייב

נאָך באַקומען ,אָבער אידעאַליזם, מסירת הנפש ?... — — אין אמעריקא לעבט זיך לייכטער !...

פאַרוואָס עס זעהט אזוי אויס ? ווייל אַ פאָלק און אַ לאַנד בויט מען נישט מיט הייזער און היי־וועיס, מיט קבוצות און פּאָליציאַנטען. אַ פאָלק האָט א נשמה ,און אָט די נשמה מוז געשפּייזט ווערען !

ציוניזם האָט אנערקענט בלויז דעם גוף פונ׳ם אידישען פאָלק, די נשמה אָבער קען זי נישט ! א נייע נשמה, אַ נייע קולטור, א נייע תורה האָבען זיי געוואָלט אריינברייגען אינ׳ם אידישען גוף. אָבער עס לאָזט זיך נישט. די בת־מלכה פאַרטראָגט קיין אימיטאַציעס ! זי איז בעסער געוואוינט !...

ממילא בלייבט ארץ ישראל בלא תורה כגוף בלא נשמה, קען נישט געלינגען דער נאַציאָנאַלער רעפּאַרם־עקספּערימענט, און איז זייער גאַנצע אַרבייט בלויז אַן אינטערמעצאָ, אַ פּאַסאַזשע, אָהן א צוקונפט !

מזרחי

א אידישער שותפות.

געווען אָבער אידען, נישט אהין און נישט אהער, אידען וועלכע האָבען געלעבט ווי שומרי תורה ומצוות, אָבער אויף וועלכע די ציוניסטישע אגיטאַציע האָט דאָך געהאַט א שטאַרקען איינפלוס. געוואָלט האָבען זיי בלייבען ביי אידישקייט, אָבער פּאָרט איז געווען פאראנגען עפּעס אַן אָדער'ל וועלכעס האָט געשלעפּט צום ציוניזם, אויך צו ווערען נאַציאָנאַלע אידען, און מיטגעהן מיט'ן מאָדערנעם ציוניזם.

דער פּסיכישער מצב פון אָט די אידען איז געווען אַ צימליך שווערער. — בכלל איז דאָס לעבען פון מענשען מיט „דו פרצופין", מיט אַ דאָפּעלטער נשמה, נישט קיין לייכטס, ספּעציעל נאָך ווען מען מוז נעהמען אַ דעציזיע! עס האָט זיי פשוט געפעהלט דער מוט און די אנטשלאָסענקייט, און אלס איינציגער אויסוועג, כדי צו פאַרמיידען די אונאנגענעהמע וואַל צווישען תורה־אידענטום און ציוניזם, האָט מען זיך אַן עצה געגעבען און געמאַכט א פשרה, צוזאַמענגעלאָטעוועט ביידע, די תורה וועלכע דער באַשעפער האָט אונז געגעבען „צו דערפילען אינ'ם לאַנד וואו איך (ג־ט) ברענג אייך אהין" און דער ציוניזם מיט זיין „נהי' ככל הגוים בית ישראל"; די תורה וועלכע איז אונז געגעבען געוואָרען מן השמים צו זיין אונזער וועגווייזער און העכסטע אויטאָריטעט אין אַלע פראגען און לעבענס־פּראָבלעמען, מיט'ן ציוניזם וועמענס העכסטע אינסטאַנץ איז די קאָנגרעס־מאַיאָריטעט איהרע.

ווי אַזוי? ווי אזוי איז מעגליך צוזאַמענצופּאָרען צוויי הפכים?... קיין קשיא נישט! אויב מען וויל נאָר, אויב מען וויל נאָר גאַנץ שטאַרק איז קיין קשיא נישט! דאַן קען מען אַלץ.

א שיטה פון מתקן־זיין.

איז אָבער פאָרט געווען קענטיג, וואָלט מען אפשר דאָך נאָך געקענט דערזעהן אז דאָ איז פאַראַנען א סתירה, אַ פולשטענדיגער קאָנטראַסט, וואָלטען אידען זיך אפשר דאָך געכאַפּט אז דאָ האָט מען מיט מוטוויליגקייט און חשבון פאַרדרעהט דעם אמת ווייל אַזוי לוינט זיך, האָט מען זיך זאָפאָרט גענומען

אידעאַליזירען. „פאַרקערט! ס'איז א חוב קדוש, גאָר א מצוה דאורייתא אריינצוגעהן אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע! אודאי טויגען די ציוניס־טען נישט! אודאי זיינען זיי מחללי שבת און פאַרשוועכען זיי קדושת הארץ! גראד דעריבער אָבער מוזען פרומע אידען, איז עס זייער הייליגער חוב צוצו־טרעטען צו זיי, אריין אין די ציוניסטישע רייהען, כדי צו קענען האָבען אַן איינפלוס אויף זיי! ווערען אידישע מיסיאָנערען, מתקן זיין די ציוניסטען, פאַרהיטען חלול שבת והארץ, טראַכטען מיט אלע מיטלען זיי מחזיר למוטב צו זיין!".

הגם די מזרחי איז לכתחלה גאָר געקומען מיט טענות צו דער ציו־ניסטישער אָרגאַניזאַציע האָבען די ציוניסטישע פיהרער דאָך זאָפאָרט איינ־געזעהן (מיט אַ קלאָהרקייט פאַר וועלכען עס קומט זיי דער גאַנצער קרעדיט!) וויפיל נוצען אַזאַ גרופע פון מכלומר'שט גאָר אָרטאָדאָקסישע אידען קען זיי ברענגען. זאָפאָרט האָבען זיי פאַרשטאַנען אַז אַזאַ גרופע פון „פרומע" אידען קען זיין אַן אונשאַצבאַרע הילף, און אז אונטער זייער „הכשר" וועלען זיי זיין פעהיג צוצוציהען א גאָר גרויסען קרייז פון האַלבע, נאָך צווייפלענדיגע אידען, אויף וועלכע דער ציוניזם אליין האָט (צוליב זיין אי־רעליגיאָזיטעט) פאָרט נישט געקענט האָבען די נויטיגע השפעה. ממילא האָבען זיי זאָפאָרט אויפגענומען בסבר פנים יפות און מיט אַ גראַנדיעזען פאַראַד אָט די נייע פראַקציע פון מתנדבים בעם, אויך זיי געזעצט אויבענאָן, אויך זיי צוגעלאָזען צוביסלעך צו דער פולער שיסעל, און... טאקע אונטער זייער „הכשר" געטאָן א סך, אַנגעמאַכט גאָר אַ גרויסען חורבן, ספּעציעל צווישען דער אידישער יוגענד.

ס'איז שווער צו גלויבען אַז די מזרחיסטישע שיטה איז לכתחילה גע־ווען אַן אויפריכטיגע. דער צוגאַנג איז זאָפאָרט געווען אַ מין אריינגעהן און זיך פריוויליג אויסמישען מיט אָט דער אידישער אָרגאַניזאַציע וואָס השעה משחקת לה! — אפשר זיינען אָבער דאָך געווען צווישען זיי אַזעלכע וועלכע האָבען געמיינט עהרליך, וועלכע האָבען טאַקע געוואָלט מחזיר למוטב זיין די פאַרבלאָנדזשעטע אידישע ברידער, אפשר האָבען די גרינדער פון מזרחי זיינערצייטס דאָך געטראַכט אז עס וועט מעגליך זיין, אז „אוירא דארץ ישראל" צוזאַמען מיט דער מזרחיסטישער טעטיגקייט וועלען עפענען די אויגען פון אונזערע נאַציאָנאַלע ברידער, פאָרט אָבער איז נישט צו פאַרשטעהן ווי אזוי

זיי האָבן געקענט פאַרבלייבן העכער פינף־און־דרייסיג יאָהר ביי אַזאַ אומרעאַלער איינשטעלונג.

זעלטען וואָס אַן אָרגאַניזאַציע האָט פאַרנומען אַזאַ שפלות׳דיגען אָרט! פון דער ערשטער רגע אָן, פון דעם מאָמענט ווען מזרחי האָט זיך געשאַפען אַלס א מין „פרומע ציוניסטען", האָט זי געוואוסט אַז די ציוניסטען ווילען איהר לגמרי נישט, אַז זיי טאָלערירען איהר נאָר ווייל זי קומט צונוץ אינ׳ם פאַרטיי־אַפּאַראַט! קיין איין־איינציג מאָמענט האָט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איהר נישט גענומען ערנסט, שטענדיג נאָר איהר אויסגענוצט, טאָקע גוט באַצאָהלט דערפאַר, אָבער פאָרט זיך באַנוצט מיט׳ן מזרחיסטישען הכשר! קיין איין־איינציגע רגע האָט נישט געהאַלטען ביי מתקן זיין די ציוניסטען, קיין שום שפור פון אַ מעגליכקייט דערפון האָט נישט עקזיסטירט. ביי יעדע קאָנגרעס־וואַהל האָט מזרחי בלויז געקענט האָבען אַ לעכערליך גרינגע צאָהל שטימען לגבי דער סטאַבילער לינקס־ציוניסטישער מאַיאָריטעט, אָבער, דאָס האָט זיי לגמרי נישט געשטערט. פאַרקערט! ווי ווייטער, ווי שטאַרקער עס איז געוואָרען די פאַרברידערונג, און מיט אַן אונבאַשרענקטער ברייטהאַרציגקייט האָבען זיי דעם ציוניזם אריינגעפיהרט אין די בתי כנסיות און בתי מדרשים אריין, געגעבען זייער „הכשר" אויפ׳ן אטעאיסטישען און כפירה׳דיגען חנוך אין ארץ ישראל, פאַרדעקט אויפ׳ן חלול שבת, אכילת נבלות וטרפות און חמץ בפסח, אין קאָלאָניעס וועלכע זיינען געקויפט, געבויט און אויסגעהאַלטען מיט׳ן געלד פונ׳ם כלל ישראל!

ס׳איז אפילו קיין פּראָבלעם נישט מעהר געווען! קיין שום געוויסענביסע האָט מען זיך נישט מעהר געמאַכט. — אודאי איז אַלץ וואָס די ציוניסטען טוען ריכטיג! אודאי מוז מזרחי געבען איהר „הכשר" אויף אַלץ!

— פאַרוואָס דען גיט מען איהר אַ טייל פון די ארץ ישראל־געלדער?...

אודאי האָט מזרחי נישט געקענט מתקן זיין די ציוניסטען, און אודאי טראַכט זי היינט שוין אפילו נישט מעהר דאַוועגען. דער סלאָגאַן פון „תקון" האָט זיך אויסגעלאָזען, און... מזרחי איז געוואָרען אַן אינטעגראַלער טייל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע!

צי מען טאָר יאָ צי מען טאָר נישט, צי כמעט אלע גדולים פונ׳ם לעצטען און׳ם היינטיגען דור האָבען על־פי דין תורה גע׳פסק׳נט אַז מען טאָר נישט זיין א חבר פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און אַז די אַלע וועלכע שטעהען אין איהרע רייהען טראָגען דעם פולען אחריות און מיטפאַראַנט־

וואָרטליכקייט פאַר אלע איהרע מעשים און חורבנות, אפילו ווען זיי אליין פערזענליך זיינען נישט מסכים דערצו, אָט דער פסק דין אינטערעסירט זיי נישט! שטענדיג האָבען זיי זיך אויסגעזוכט איינעם, א יחיד, וועלכער האָט זיי געגעבען א היתר דערצו, און אזוי ארום האָבען זיי געקענט בארוהיגען זייער געוויסען (וועלכער וואָלט זיי סיי־ווי נישט צופיל געפייניגט) און בלייבען געטרייע אקטיווע חברים, אינערהאַלב דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

מזרחי און אָרטאָדאָקסיע.

איהר ריכטיגע צורה האָט מזרחי אָבער ערשט געוויזען אין דעם מאָמענט ווען די גדולי ישראל זיינען זיך צונויפגעקומען אויף דער היסטאָרישער קאָנפערענץ אין קאַטאָוויץ צו גרינדען די אגודת ישראל וועלט־אָרגאַניזאַציע.

מילא, וואָס איז געווען איז געווען, דעם עבר האָבען מיר נישט מעהר!... לאָגיש וואָלט אָבער געווען אז אינ׳ם מאָמענט פון דער גרינדונג פון אָ זעלבסט־שטענדיגער אָרטאָדאָקסישער אָרגאַניזאַציע (וועלכע האָט, אגב, אויך ארץ ישראל ארבייט אריינגענומען אין איהר פראָגראַם אריין) זאָלען זיי, די מזרחי, וועלכע פרעטענדירען דאָך אויך צו שטעהן אויפ׳ן יסוד פון תורה ומסורה, זיך אויטאָמאַטיש אָנשליסען ביי אָט דער אמת׳דיגער תורה־אָרגאַניזאציע און אזוי־ארום שאַפען א שטאַרקען איינהייטליכען רעליגיעזען פראָנט, וועלכער וואָלט טאקע בכח געווען זיך אַנטקעגענצושטעלען קעגען די ציוניסטישע נאַציאָנאַלע רעפאָרם. ספּעציעל נאָך נאָכדעם ווי זיי האָבען שוין דעמאָלט קלאָהר און דייטליך געזעהן אַז זייער מיסיאָנס־ארבייט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע איז גענצליך פרוכט־און אויסזיכטסלאָז! — אָט דאָס, אַזאַ פאַר־איניגונג וואָלט געדאַרפט זיין די נאָרמאַלע רעאקציע אויב... מזרחי וואָלט נאָר געמיינט עהרליך!

האָבען זיי עס אָבער נישט געטאָן! אפשר האָבען זיי געהאַט טעמים דערצו. אפשר האָבען זיי גלאט נישט געוואָלט ווערען צו פרום. אפשר וואָלט זיך זיי דער טויש פינאַנציעל נישט געלוינט. ווער ווייס?... אָבער טראָץ אלע־מען, הגם יאָ פאַרבלייבענדיג א גוטער ברודער אין דער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע, איין זאַך האָט מען אָבער מיט רעכט געדאַרפט ערוואַרטען פון די מזרחי, אויף איין זאַך האָט די אָרגאַניזירטע אָרטאָדאָקסיע זיכער גערעכענט: סימפּאַטיע.

זי, די מזרחי, וועלכע שפרודעלט מיט אהבת ישראל, זי וועלכע לאָזט זיך ארונטער אינ׳ם לייבענגרוב כדי צו ראַטעווען אידישע נפשות, פאַר־שטעהט זיך אז זי וואָלט געדאַרפט ווייזען, לכל הפחות, א געוויסע טאָלעראַנץ און פאַרשטענדעניש פאַר אָט דער אגודת ישראל, די אָרגאַניזאַציע פון אָר־טאָדאָקסישע אידען וועלכע זי, די מזרחי, מוז נישט נאָך ערשט קומען מתקן זיין, אזוי ווי נעבעך איהרע ציוניסטישע קאָלעגען! פאַרשטעהט זיך אז איהר באַציהונג האָט געמוזט זיין מינדעסטענס א סימפּאַטישע לגבי אָט די אגודיס־טען וועלכע זיינען שוין יעצט געטרייע שומרי שבת, אוכלי כשר און וועלכע ווילען היטען קדושת ישראל והארץ, גאַנץ גענוי ווי די תורה האָט אונז גע־הייסען, און... ווי אויך מזרחי פּרעטענדירט צו וועלען!!!...

מילא, נישט סימפּאַטיע!... אפשר האָט זיך מזרחי געלוינט נישט צו זיין פריינדליך צו דער אגודת ישראל! אפשר האָט זי זיך נישט געקענט דערלויבען קיין טאָלעראַנץ לגבי פרומע אידען! אָבער נישט דאָס איז די ווירקליכקייט. פאַרקערט! גאָר ווייט דערפון! אנשטאט סימפּאַטיע און טאָ־לעראַנץ האָבען אויך זיי, די „פרומע ציוניסטען״, אָנגעהויבען שרייען און ליאַרמען! געוויסערמאָסען זיינען גראָד זיי אפשר געווען די הויפּט־שרייערס! מיט אן אונפאַרשטענדליכער פאַרביסענקייט האָבען זיי פּלוצים גענומען וואָר־נען דאָס אידישע פאָלק קעגען דער „אגודיסטישער געפאהר״, און קיין שום געלעגענהייט צו פאַרשמוצען און באַליידיגען דעם אָנזעהן פון אגודת ישראל און איהרע פיהרער, די גדולי ישראל, האָט זי נישט אדורכגעלאָזען! אנשטאט צו העלפען האָט זי גאָר געוואָלט אונטערברענגען די אגודת ישראל. — און אַלץ אין נאָמען פון ארץ ישראל! צוליב אהבת ישראל!...

אודאי איז נישט פאַרשטענדליך, אין קיין שום אידישען מוח קען נישט אריין ווי אזוי די „פרומע און גוטע מזרחי״ וואַגט צו רעדען וועגען תורה און אידישקייט אין א צייט ווען אלע גדולי ישראל (מיט אפשר צוויי אויסנאַמען) שטעהען נישט מיט נאָר בדוקא קעגען איהר, אין די רייהען פון דער איינציגער ריכטיגער תורה־אָרגאַניזאַציע!...

אהבת ישראל און שנאת אגודת ישראל.

אָבער גאַנץ אונפאַרשטענדליך איז ווי אזוי די אידעאַליסטישע גוטע מזרחי, די מכלומר׳שטע קעמפּפערין פאַר אידען׳ס גוטס, ווי אזוי זי האָט גע־קענט קומען צו אַזאַ מאָס פון שנאה קעגען דער אָרגאַניזירטער אָרטאָדאָקסיע.

מיט אלע איז זי אַ גוטער ברודער. אהבת ישראל גיסט זיך פון איהר לגבי אלע, **לגבי סתם ציוניסטען, לגבי פועלי־ציון, לגבי אידישיסטען און אפילו לגבי די קאָמוניסטען. פאַר אלע האָט זי אַן אָרט אין „איהר גרויס אידיש האָרץ". אפילו די רעפאָרם־באַפעגונג פאַשעט זי מיט אהבת ישראל. אלע! —** נאָר א י י ן גרופּע אידען איז דאָ, פאַראַנען א י י ן זינדיגע אָרגאַניזאַציע וועלכע מען טאָר נישט דולדען און טאָלערירען, וועלכע ס'איז א מצוה עוקר מן השורש צו זיין, צו רודף'ן און צו האַסען מיט דער גאַנצער מאָס פאַרביסענער שנאה וואָס א איד פאַרמאָגט נאָר: אגודת ישראל, די אידען וועלכע לייגען תפילין און האַלטען שבת, די אָרטאָדאָקסיע וועלכע שטעהט אונטער דער פיהרערשאַפט פון די גדולי ישראל, גאונים און ראשי ישיבות!!!

אגודת ישראל קומט קיין אהבת ישראל נישט! לגבי איהר איז אַלץ מותר! גראַד זי, די מזרחי, די גרופּע פון „פרומע ציוניסטען", איהר פליכט איז עס צו באַקעמפען דער אגודת ישראל וואו עס־לאָזט זיך נאָר, פונ'ם ער־שטען מאָמענט אַן ממש עד היום הזה. אָהן רחמנות! מקריב זיין אַלץ וואָס איז אונז הייליג, תורה און טראַדיציע, קינדער און אידיש לעבען, אבי נאָר באַקעמפט די „פינסטערע אגודת ישראל"!

שאַפט למשל אגודת ישראל ביי א געוויסער עמוירדזשענסי־געלעגענ־הייט אַ גרעסערע סומע געלד פאַר דער רעטונג פון טויזענדער אידען וועלכע האָבען געהאַלטען ביים פאַרשלעפּט ווערען אין די גאַז־קאַמערען פון די נאַציס, טאָ ווער איז ארויס מיט געשריי און פּראָטעסטען? ווער האָט עפענטליך גע־מאָהנט אַ זאָפאָרטיגע קעגען־אַקציע קעקען דער אגודת ישראל וועלכע הויבט זיך אָן פאַרנעמען מיט גרויסע ארבייט? — — די אהבת ישראל'דיגע מזרחי!

האָט זיך געהאַנדעלט וועגען ראַטעווען עטליכע הונדערט ראשי ישיבות און תלמידים אין שאַנכיי דורך אַ געמיינזאַמער דעקלאַראַציע פון אַלע אידישע אָרגאַניזאַציעס אז זיי איבערנעהמען זייער פולשטענדיגע אויסהאַלטונג און פאַרזאָרגונג, ווער האָט זיך דעמאָלט צוריקגעצויגען צוליב דעם איינפאַכען גרונד אז „אויב די אגודה שרייבט זיך אונטער דאַן שרייבען מיר נישט מיט"?... — די פרומע מזרחי!

איז איינער פון די גרעסטע ראשי ישיבות אַנגעקומען אהער און האָט ער זיך גענומען צו אַן אקציע כדי צו ראַטעווען די הונדערטער בני ישיבה וועלכע זיינען פאַרבליבען אין יאַפּאַן, ווער האָט איהם דעמאָלט געדראָהט אַז

זיי וועלען איהם שטערען אויב ער וועט אויסזאָגען אז ער איז אַן אגודיסט ?... — ווידער די מזרחי!

איז געלונגען מיט דער הילף פון דער פוילישער גלות־רעגירונג ארויסצוראַטעווען אידישע קינדער פון די דייטשע מערדער־הענד; האָט זיך נאָך אונטערוועגענס (טראָצדעם וואָס די פוילישע רעגירונג און אַנדערע האָבען פולשטענדיג געדעקט די פינאַנציעלע זייט פון זייער רעטונג!) אַנגעהויבען אַ שרעקליכער לינקס־ציוניסטישער שמד־פּראָצעס, וועלכעס איז אפילו פון די אַנוועזענדע גויים און גלחים באַשטעמפּעלט געוואָרען אַלס עקעלהאַפט, אונמענשליך און באַרבאַריש; האָט אגודת ישראל אַלס ערשטע און נאָכדעם אויך אַלע גדולי ישראל דערהויבען זייער קול קעגען אָט דעם אכזריות׳דיגען קינדער־סקאַנדאַל, ווער איז דעמאָלט ארויס מיט בארוהיגונגען? ווער האָט, קעגען דער שטימע פון אלע גדולים פון ארץ ישראל און חוץ לארץ, אָפיציעל ערקלעהרט אַז אַלץ איז יאָ אין דער בעסטער אָרדנונג? ווער האָט געוואָגט צו אַטאַקירען זייער אייגענעם „רב הראשי” מיט חוצפה און דראָהונגען אינ׳ם מאָמענט ווען ער איז ארויס מיט דער גאַנצער שאַרפקייט קעגען דעם פרישען קינדער־סקאַנדאַל? — דער מזרחי־פּאַרטרעטער אין דער אידישער אַגענץ!

און ווען עס האָט שוין געהאַלטען ביי אַ טיילווייזער פאַרשטענדיגונג, ווען אונטער׳ן צוואַנג פונ׳ם שטורעמדיגען עפענטליכען פּראָטעסט האָט די לינקע אַגענץ שוין יאָ געוואָלט איבערגעבען אַ טייל פון די קינדער אין אגודיסטישע הענד אריין כדי די עפענטליכע אידישע מיינונג צו באַרוהיגען, ווער האָט דאַן געקעמפט מיט לייב־און־לעבען אז די אגודה זאָל קיין קינדער נישט קריגען? ווער האָט ערקלעהרט אַז ס׳איז גלייכער אז זיי זאָלען בלייבען אין די ציוניסטישע לאַגערען, וואו מען רייסט זיי די יאַרמעלקעס פון קאָפּ, וואו מען צווינגט זיי צו חלול שבת און אכילת טרפות, וואו מען לאָזט זיי אפילו קיין „קדיש” נישט זאָגען נאָך זייערע עלטערען, די קדושים פון וואַרשע און לובלין? ווער?... ווידער די מזרחי!

ווער האָט בידיי געוואָלט מוותר זיין אויף זיין אייגען טייל פון די קינדער, „תמות נפשי עם פלשתים”, אבי די אגודת ישראל זאָל נאָר חלילה נישט האָבען קיין חלק אין דער ערציהונג פון די אָרימע יתומים?... — די ארץ ישראל׳דיגע מזרחי!

אַטאַקירט אגודת ישראל די ציוניסטישע האַנדלונג, פּראָטעסטירט זי קעגען דער אידישער אַגענץ פאַר דער פאַרגוואַלדיגונג פון אידישע פליטים־

קינדער און׳ם אפ׳שמד׳ן זיי אין די לינקע קבוצות. ווער געהט דאן ארויס מיט גרעניצלאָזער גיפטיגקייט? ווער בלאָפט דעם עולם מיט „צייטווייליגע" אָפּמאַכען? ווער שרייט „שא! שא!" פון אַלע זייטען? ווער קומט ארויס מיט „פּעיד אדווערטייזמענטס", מיט ניי־ערפונדענע מצוות („מצוה לפרסם") א. א. וו. ווער?... — נישט די ציוניסטען! אויך נישט די אידישע אגענץ! ניין! — בלויז די מזרחי!...

ווער איז שטענדיג דער באַרוהיגער? ווער קומט שטענדיג פּאַרענטפּע־רען, געבעטענערהייט אָדער נישט? ווער קומט שטענדיג אַראָפּנעהמען דעם שאַנדפלעק פון ציוניסטישע און אגענץ־פאַרברעכענס?... ווער קומט זידלען אגודת ישראל, ווער וואָגט ארויסצוטרעטען קעגען איהר אינ׳ם מאָמענט ווען אגודת ישראל (אויפ׳ן דירעקטען באַפעהל פון אלע ראשי ישיבה און גדולי ישראל פון ארץ ישראל!) דערהויבט איהר שטימע פון פּראָטעסט קעגען דעם סיסטעמאַטישען אידיש־אינקוויזיטאָרישען שמד־פּראָצעס אין ארץ ישראל?... ווער וואָגט אין אַזא מאָמענט אַלס ערשטער ארויסצוקומען אין דער אידישער פּרעסע אז אגודת ישראל מיינט נישט די אידישע קינדער, אַז זי טראַכט בכלל נישט וועגען די יונגע יתומים, אַז איהר איינציגע כונה איז נאַר צו ברעכען די קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל?... ווער וואָגט דאָס? ווער?... נישט די ציוניסטען! נישט די אידישע אגענץ! בלויז די אַמעריקאַנער מזרחי!...

ועוד כהנה וכהנה! און נאָך און נאָך! צופיל אַראָפּצושרייבען!

און אַלץ אין נאָמען פון תורה! אין נאָמען פון ארץ ישראל!... צוליב אהבת ישראל!... צוליב דער זעלבער „אהבת ישראל" וועלכע האָט דער אַמע־ריקאַנער מזרחי דערצו געבראַכט אַוועקצושטעלען שענדליכע און אונפּאַר־געסליכע פּיקעטען פאַר דעם אגודה־אָפיס פון וועלכען מען האָט (מיט דער דערלויבעניש פונ׳ם גאָווערמענט!) געשיקט שפּייז־פּעקלעך צו די אומגליק־ליכע הונגעריגע אידען פון ווארשע און לובלין! די זעלבע „אהבת ישראל" וועלכע האָט נישט פאַרגינען געטאָ־אידען שפּייז און די אגודה דעם קרעדיט דערפאַר, און צוליב וועלכען מען האָט פון אַ הילפּס־אַקציע פאַר אידען בדוקא געוואָלט מאַכען אַן ענין פון העלפען דעם נאַצי־שונא, און אזוי־ארום באַשמו־צען דעם נאָמען פון אגודת ישראל ביי דעם פּאַטריאָטישען אַמעריקאַנער אי־דענטום.

אָבער נישט נאַר צוליב איהר שנאה צו אגודת ישראל, פיל מעהר נאָך צוליב איהר פאַרפיהרערישקייט איז די מזרחי, טראָצדעם וואָס זי האָט נישט

קיין אייגען מהות און שיטה, אַ שטענדיגע געפאַהר פאַר דער אידישער יוגענד! זי איז עס דער סרסור דעבירה, דער פאַרמיטלער און פאַרפיהרער צום ציוניזם, און זי איז טאקע געוויסערמאסען איינע פון די הויפּט־שולדיגע אינ'ם שרעק־ליכען דעגענעראַציע־פּראָצעס פון אונזער יוגענד במשך די לעצטע פינף־און־דרייסיג יאָהר.

פיהרערשאַפט און אויטאָריטעט.

די פראַגע פון פיהרערשאַפט און אויטאָריטעט איז ספּעציעל פאַר'ן אידישען פאָלק א קאַרדינאַלע. פאַר אונז איז עס נישט אַ פראַגע פון רעזשים אָדער פאַרוואַלטונגס־סיסטעם, נאַר פשוט, נישט מעהר און נישט ווייניגער ווי אַ פראַגע פון זיין אָדער נישט זיין! ווען די תורה האָט אידען אָנגעזאָגט, אַלס איינס פון די זעקס־הונדערט־און־דרייצעהן מצוות איהרע, זיך צוצוהערען צום וואָרט פון אונזערע חכמים, דאַן איז דאָס נאַר ווייל דערפון איז אָפּהענגיג אונזער גאַנצע ווייטערדיגע עקזיסטענץ, ווייל ס'איז פשוט א לעבענס־פראַגע!

„ובאת אל הכהנים הלוים ואל השופט אשר יהי' בימים ההם", צו די אידישע מנהיגים פון יעדען דור, „און זיי וועלען דיר זאָגען דאָס וואָרט פון רעכט". און דו, זאָגט די תורה, „דו זאָלסט טאָן לויט ווי זיי וועלען דיר זאָגען", „ככל אשר יורוך", נישט נאָר א פסק וועלכער האָט צו טאָן מיט כשרות, מיט אַ טאָפּ, אַ לעפעל אָדער מיט'ן בית־המדרש אליין, נאָר אלץ! יעדע שאלה וועלכע זיי וועלען דיר פסק'נען, אַ סאָציאלע אָדער אַ רעליגיעזע, אַן אינדיווידועלע און אַ נאַציאָנאַלע. „לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל", קיין האָר־ווייט טאָרסטו נישט אוועקגעהן פון זייער וואָרט. זייער פסק איז דין פאַר יעדען איד! די תורה אליין האָט סאַנקציאָנירט דעם פסק־דין פון די גדולי ישראל, און דעריבער איז אז „דער מאַן וועלכער וועט טאָן מיט מוטוויליגקייט נישט צו הערען צום פסק בית דין „ומת האיש ההוא, ובערת הרע מקרבך".

ווייל אונזער פאָלק איז א תורה־פאָלק! די וויג אונזערע איז נישט גע־שטאַנען אין ווין אָדער באַזעל נאָר ביים הר סיני, און נאָר די וועלכע פאַר־מאָגען דעם נויטיגען דעת און ידיעת התורה, נאָר זיי קענען זיין די מנהיגי האומה! נאָר זיי קענען ארויסגעבען דעם אָבליגאַטאָרישען פסק התורה! נאָר זיי זיינען באַרעכטיגט דערצו!

שטעהען גדולי ישראל בראש האומה, וואַרטען אידען אויף זייער פיה־

רערשאַפט, קוקט מען ארויף צו זיי און איז מען מקבל זייער וואָרט אַלס ג־ט׳ס וואָרט, דאַן איז דאָס אידישע פאָלק געזונד, דאַן לעבט און בויט זיך. דאַן איז תורה די העכסטע אויטאָריטעט און דאַן קוקט און שטרעבט ממילא יעדער איינצעלנער צו אַט דער זעלבער תורה. דאַן לערענט אויך די יוגענד אויטאָמאַטיש אַז תורה איז אַלץ פאַר אונז. דער רעספּעקט פאַר תורה ולומדי׳ שטעהט הויך, אויטאָמאַטיש ווערט דאָס יוגענדליכע האַרץ אָנגעפילט מיט חשק און דראַנג צו אַט דער תורה, יעדעס אידישע קינד זעהט דעם כבוד התורה, און ממילא רייסט זיך אַלץ אין איהם אויך צו ווערען אזא גדול בישראל, אויך צו קענען און צו פאַרשטעהן די אונענדליכע אייביגקייטס־אוצרות פון דער תורה.

ווערט אָבער געשאַפען אַ פאַלשע אויטאָריטעט איבער׳ן אידישען פאָלק, שטעלען זיך רעפאָרמערס און אסימילאַנטען בראש העם, אידען עם־הארצים וועלכע האָבען קיין שום שייכות צו תורה, וועלכע האָבען שוין איבערגעריסען מיט אידישקייט, וועלכע קענען נישט קיין כשרות און קיין שבת, קיין יום־טוב און קיין טהרת המשפחה; אידען געגאָלטע און גלוי־ראש׳דיגע, שטעלט מען זיי אויבענאַן, קומט נאָך למשל די מזרחי און אידענטיפיצירט זיך מיט זיי, קומט זי און אונטערוואַרפט זיך אפילו (מכלומר׳שט גאָר מיט דער תורה) אונטער אַט דער נייער פיהרערשאַפט, פראָקלאַמירט מזרחי זיי צו מנהיגי ישראל, צו די פיהרער פון אונזער פאָלק, דאַן ווערט נישט נאָר די אידישע פיהרערשאַפט אליין נאָר די גאַנצע אידישע צוקונפט באַדראָהט.

דורך זייער אונטערוואַרפען זיך אונטער דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און איהרע פיהרער האָט מזרחי געשאַפען די אויטאָריטעט פון כפירה און עם־הארצות!

אנשטאט די גדולי ישראל ווייזט זי אונזער יוגענד, אַז זיי, די פושעים באלקי ישראל זיינען עס אונזערע פיהרער, און אז נאָר דורך זיי און זייער אקטיוויטעט קענען מיר דערוואַרטען די רעטונג פונ׳ם אידישען פאָלק אויסן גלות המר הזה!

„גדולי ישראל געהען אַ פאַרקערטען וועג! זייער פסק איז אַ טעות! זיי פאַרשטעהען נישט די היינטיגע צייט! און נאָר די מחנה פון נאַציאָנאַלע רעפאָרמערס איז גערעכט״, אַט אזא בילד האַמערט מזרחי טאָג־טעגליך איין אין די יונגע מוחות!

טאָ, איז דען אַ וואונדער אז די זעלבע יוגענד פאַלט אָפּ פונ׳ם דרך התורה, אַז זי איז נישט מעהר פאַראינטערעסירט אין למוד און קיום התורה, אז אידישקייט אפעלירט נישט מעהר צו איהר, און אז זי פאַלט גאָר כורעים ומשתחוים פאר יעדען סנאָביסטישען דאָקטאָר׳ל ?... זעהט זי דען נישט בחוש אז נישט תורה נאָר כפירה, נישט „די אידען מיט די בערד״ נאָר בדווקא „די געגאָלטע״ זיינען עס די דאָמינירענדע, די בכבוד׳יגע און רעספעקטירטע, די „שעהנע״ אידען ?...

איז דען נישט די פיהרערשאַפט דער אידעאַל פון דער יוגענד ? איז דען נישט דער אויבענאַן דאָס אנלאָקענדע צוקונפטס־בילד ? ערוואַרטען מיר דען נישט עהרליכקייט און אויפריכטיגקייט פון אונזערע קינדער ? קען מען יוגענד דען כסדר אָפּנאַרען און מאַכען פאַר א פוסח על שתי הסעיפים ? — — און אויב אַמאָליגע צייטען איז א מזרח־וואַנט אין שוהל אָדער דער אויבענאַן ביי אן אסיפה געווען א דעמאָנסטראַציע און אויפמונטערונג פאַר תורה און אידישקייט, איז עס דען נישט היינט פונקט פאַרקערט, אַ וועקרוף און אינווי־טאציע צו עם־הארצות און אסימילאַציע ?...

וואָס העלפט דען יעצט דאָס וויינען מיט קראָקאָדילען־טרערען און קלאָגען אז אפילו די מזרחיסטישע יוגענד אליין, זי וועלכע האָט שוין יאָ געהאַט איהר ערציהונג אין מזרחי־שולען, אז אפילו זי געהט אוועק פון אי־דישקייט, אַז אפילו ארץ ישראל־אילוזיעס נעהמען זיי נישט מעהר ?... וואָס העלפט דאָ דאָס מתודה זיין אז דער פאַראַדאָקסאלער מזרחי־חנוך איז אַ דורכפאַל ?... האָבען זיי עס דען נישט אליין פאראורזאַכט ? האָט דען נישט די מזרחי אליין געבראָכען די אויטאָריטעט פון תורה און גדולים ? האָט זי אליין זיי דען נישט דעגראַדירט צו אַ סטאַטוס פון רעליגיעזע פערזענליכקיי־טען וועלכע האָבען א דעה וועגען כשרות, חופה וקדושין, אָבער קיין שום וואָרט נישט אינ׳ם עפענטליכען לעבען פון כלל ישראל ? האָט און העלפט דען נישט מזרחי אריינצוהאַמערען אין די מוחות פון די יונגע אידישע קינ־דער, אַז ער, דער געגאָלטער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכער וועט דעמאָנסטראַטיוו נישט עסען אין דער כשר׳ער אָפּטיילונג פונ׳ם שיף וועלכעס פיהרט קיין ארץ ישראל, אז ער איז עס „אונזער פיהרער״, דער „אבא של עם ישראל״, דער טאַטע פונ׳ם אידישען פאָלק ?... האָט דען נישט מזרחי אליין אוועקגעשטעלט דאָס „הערליכע״ בילד פון די אייראָפּעאישע

אסימילאַנטען "אויבענאָן, און געלערענט אידישע קינדער אַז: „אלה אלהיך, ישראל!?...

און פאַרט רופט מען זיך אַן אָרגאַניזאַציע פאַר תורה און אידישקייט !!!...

פאַרט איז מען אָרטאָדאָקס!...

אפשר איז מזרחי גאַר שטאַלץ אַז זי פאַרמאָגט אזא כח! אפשר צאָהלט עס זיך אַמאָל אויך גאַר אויס! — דער פאַקט אָבער איז אַז צוברעכען קען יעדער! דערצו נויטיגען זיך נישט קיין ספּעציעלע פעהיגקייטען און קוואַלי־פיקאַציעס, און אין דערין ליגט בכלל קיין שום העלדישקייט נישט.

מזרחי איז אין ווירקליכקייט גאָרנישט! זי האָט קיין שיטה אָדער אי־דעאָלאָגיע נישט. זי איז קיין יש פאַר זיך! זי איז בלויז א פאַרבינדונג, אַ פאַרמיטלער. מזרחי איז אַ בריק! אַ וועג איבער'ן תהום וועלכער טרענט תורה און וועלטליכקייט! איהר אויפטו איז דערנעהנטערונג, א טשטוש הגבולים, צווישען צוויי געגענגעזעצטע וועלטען!...

אָט דאָס וואָס די קאָנסערוואַטיווע זיינען פאַר די רעפאָרם, דאָס זעלבע איז די מזרחי פאַר דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע! — — נאָר דעריבער איז זי אזוי שעדליך.

מאָדנע איז אָבער אַז פון דער צווייטער זייט פּרואווט אָט די זעלבע מזרחי ביי יעדער געלעגענהייט צו באַווייזען אַז זי איז לכל הפחות אזוי פרום ווי די אגודה. טראָץ איהר געוואַלדיגער שנאה שפּירט זי דאָך נאָך אז ס'איז א מדרגה באַטראַכט צו ווערען אַלס גלייכע מיט אגודת ישראל, און... אָט דאָס איז אפשר אַ גאַנץ קליינער האָפנונגס־שטראַל אינ'ם פינסטערען מזרחי־האָריזאָנט!...

פאַראַנען אַנדערע וועלכע האַלטען אפילו אַז ס'איז בכלל קיין חלוק נישט צווישען מזרחי און אגודה. (פאַרוואָס מען האָט דען אזוי פיינד די אגודה איז באמת א רעטסעל!) ווען נישט דער פונקט „ארץ ישראל" וואָלטען זיי אָט דיביידע אינגאַנצען אידענטיפיצירט.

דער טעות איז אָבער אַז דאָס גאַנצע פּראָבלעם איז אין ווירקליכקייט אַ פּרינציפּיעלס! עס האַנדעלט זיך נישט וואָס מזרחי טוט, וואָס אגודת ישראל טוט, ווער עס טוט מעהר אָדער ווייניגער. מיט'ן גאַנצען דרך־ארץ פאַר ארבעט און לייסטונגען ענדערט דער פאַקט פון אזוי־פיל און אזוי־פיל דונאַם באָדען אויסגעקויפט, אזוי־פיל און אזוי־פיל קאָלאָניעס געגרינדעט א. א. וו.,

ענדערט דאָס אַלץ לגמרי גאָרנישט אין דער גערעכטיגקייט אָדער אומגע־רעכטיגקייט פון׳ם ציוניזם מיט זיין נושא־כלים, די מזרחי.

תורה־סואווערעניטעט.

די פראַגע איז אַ פּרינציפּיעלע: איז די ארבייט אינגאַנצען באַזירט און בכל פרטי׳ ודקדוקי׳ אויסגעפיהרט לויט די חוקי התורה? איז די תורה די איינציגע און אבסאָלוטע אויטאָריטעט פאַר זיי?

אין באַצוג צו מזרחי איז דאָס פּראָבלעם גאַנץ איינפאַך. עס האַנדעלט זיך נישט וואָס דער אינדיווידועלער מזרחיסט איז פאַר זיך! לעצמו קען ער גאָר זיין אַ גאַנץ אנשטענדיגער איד. ער קען גאָר דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג און אפילו זיין אַ שטיקעל תלמיד חכם. עס האַנדעלט זיך אָבער נישט וועגען איהם אַלס יחיד, נאָר אַלס אַ מעמבער פון דער אָפיציעלער מזרחי־פּאַרטיי! און דאָס איז עס.

מזרחי איז א טייל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. די ציוניס־טישע אָרגאַניזאַציע האָט אַלס איהר ציל דאָס ציוניזם וועלכעס איז א שיטה פון נאַציאָנאַלע רעפאָרם, אַן אידעאָלאָגיע פון כפירה וועלכע באַרויבט דאָס אידישע פאָלק פון זיין געטליכען תורה־כאַראַקטער, וועלכע שטרעבט און האָרעוועט כדי פון אידען צו מאַכען אַ פאָלק ככל הגויים! — מזרחי איז אין איהר איינגעטראָטען, ממילא איז זי מסכים און מיט־פאַראַנטוואָרטליך פאַר אַלע אַקטען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע!

אויב ציוניזם איז געגאַנגען אַזוי ווייט צו שטעלען „לאַנד" איבער „תורה", דאַן איז מזרחי בלויז געבליבען איין שריט הינטער איהר, שטעלענדיגביידע אויף אַ גלייכען ניוואָ, באַטראַכטענדיג „תורה" געוויסערמאסען אַלס אַ מיטעל צום צוועק, אַ מיטעל צו קיום האומה, אַ מיטעל צו באַקומען און האַל־טען דאָס לאַנד!

קען זיין אַז אויף אַ מזרחי־קאָנווענשאָן ווערט דעמאָנסטראַטיוו מנחה־מעריב געדאווענט, אפשר טראָגען אלע דעלעגאַטען אויך יארמולקעס, אָבער וואָס ענדערט דאָס? זי האָט אָפיציעל אנערקענט דעם ציוניזם, וואָס העלפט דאַן ווען זי האַלט נאָך פּרטים פון דער תורה, בשתוף?

אָדער תורה איז אַלץ, אָדער זי איז די העכסטע, אבסאָלוטע אויטאָרי־טעט וועלכע דעצידירט וועגען אַלץ, וועגען דאָס נאַציאָנאַלע געגנוי ווי וועגען

דאָס פּריוואַטע לעבען, אָדער זי איז גאָרנישט! האַלבע אויטאָריטעטען עקזיס־טירען נישט!...

די העכסטע אינסטאַנץ פון׳ם אידישען פאָלק, די אבסאָלוטע אויטאָ־ריטעט פון די גדולי התורה אויף יעדען געביט פון׳ם עפענטליכען און פּרי־וואַטען אידישען לעבען איז פּראָקלאַמירט געוואָרען דורך דער תורה אליין, און קיינער, אפילו נישט די מזרחיסטישע פיהרערס קענען באַרויבען אונזערע גדולים פון זייער געטליכער אויטאָריטעט!

פאַרט אָבער האָט מזרחי פאַרביטען די יוצרות, פאַרט האָט מזרחי זיך געזוכט נייע אויטאָריטעטען, פאַרט האָט מזרחי, למעשה, פאַרלייקענט די אל־אומפאסענדע אויטאָריטעט פון די גדולי ישראל. פאַרט באַקעמפט זי דעם תורה־שטאַנדפּונקט פון פּאָליטישער פיהרערשאַפט אין די הענט פון די גדולי ישראל (אחוץ אינ׳ם פאַל וואו אן איינציגער פון די גדולים האָט זיך געשטעלט אין זייערע רייהען, און וואו עס לוינט זיך ממילא אויסצונוצען זיין אויטאָרי־טעט אפילו אינ׳ם פּאָליטישען געביט!) און, אויב מזרחי האָט זיך טאקע אונ־טערוואָרפען אונטער דעם ציוניסטישען קאָנגרעס, אויב זי האָט פּרייוויליג גענומען אויף זיך צו אונטערליגען אונטער דער מאַיאָריטעט פון אַט דעם ציוניסטישען קאָנגרעס (פּסק׳נען זיי שבת אין ארץ ישראל איז יאָ שבת, באַ־שליסען זיי חמץ אום פּסח דאַן מוז זיין חמץ וכו׳) דאַן האָט מזרחי אָפיציעל אַראָפּגעוואָרפען די אויטאָריטעט פון דער תורה פון זיך! תורת השם האָט זי אָפּהענגיג געמאַכט פון אַ ציוניסטישער מאַיאָריטעט, נישט דער צווי השם נאָר דער קאָנגרעס איז דעצידירענד, זיי די פּושעים וכופרים באלקי ישראל, זיינען עס די נייע מנהיגי האומה, וועמענס ווערטאָ שטעהט העכער ווי תורה, וועמען די מזרחי האָט זיך פּרייוויליג אונטערוואָרפען!

אַט דאָס, נישט מעהר און נישט ווייניגער, האָט מזרחי געטאָן. תורה האָט זי אונטערוואָרפען אונטער אַ קאָנגרעס־מאַיאָריטעט. טאָ וואָס העלפט דאָ פּערזענליכע פרומקייט אָדער כפול־שמונה׳דיגע ציצית?...

פּרינציפּיעל האָט מזרחי אנערקענט די סואווערעניטעט פון׳ם ציוניס־טישען קאָנגרעס! אָפיציעל האָט זי באַרויבט תורה פון איהר אבסאָלוטער, צווינגענדער געטליכער אויטאָריטעט! ממילא איז מזרחיזם גענוי ווי ציוניזם א וועג פון כפירה און רעפאָרם, א שיטה וועלכע האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן איינס פון די 613 מצוות התורה, אָבער וועלכע איז אין ווירקליכקייט אַ קאַמף קעגען ג־ט און זיין תורה!

נישט קיין חלוק מזרחי אָדער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע: ווערענדיג א חבר, אויסקויפענדיג דעם שקל, אויטאָמאַטיש שליסט מען זיך דאַן אָן, שטעלט מען זיך אינ׳ם לאַגער פון אָט די וועלכע קעמפען קעגען ג־ט און זיין תורה!

אָדער מען גלויבט אין תורה און מען אונטערוואַרפט זיך אונטער די גדולי ישראל מיט זייער פסק, אָדער גאָרנישט! א מיטעלוועג באַשטעהט נישט, ניטאָ קיין צוויי העכסטע אויטאָריטעטען! — — — מען קען נישט דינען דעם רבונו־של־עולם און גלייכצייטיג אויך זיין שונא, דעם ציוניזם!...

קלאָהר און דייטליך מוז עס דעריבער איין־מאָל־פאַר־אַלע־מאָל פעסט־געשטעלט ווערען אַז מזרחי איז נשיט מעהר אָבער אויך נישט ווייניגער ווי אַ טייל, אַן אינטעגראַלער טייל פון דער אַל־וועלטליכער ציוניסטישער אָרגאַ־ניזאַציע, אונטער דער בלוי־ווייסער פאָהן און מיט׳ן „התקוה״ אין מויל! טראָץ איהר אייגענעם נאָמען „מזרחי״ צו וועלכען זי איז באַרעכטיגט געגוי ווי די איבעריגע ציוניסטישע פראַקציעס, ווי „השומר הצעיר״, „פועלי ציון״, „רע־וויזיאָניסטען״ א. א. וו., וועלכע שטעהען אויך אונטער אַן אייגענעם נאָמען.

מזרחי׳ס תורה־שטאַנדפונקט.

אָבער אויך דער תורה־שטאַנדפונקט פון מזרחי גופא פאַרדינט זיך אפשר א מעהר גרינדליכע באַלייכטונג, אויב מזרחי וויל פאָרט פיהרען איהר ציוניסטישע טעטיגקייט אונטער׳ן נאָמען פון אָרטאָדאָקסיע, אויב זי וויל פאָרט מאַניפולירען מיט׳ן וואָרט „תורה״ אָדער זאָל עס זיין „תורה ועבודה״, דאַן נויטיגט זיך באַשטימט אַנצואווייזען אויף אַ קליינעם אָבער יסודות׳דיגען חילוק צווישען דעם וואָס תורה הייסט פאַר מזרחי און דאָס וואָס תורה איז באמת.

דער חלוק קען זיך אויסדוכטען גאָר א קליינער, אָבער... אין ווירק־ליכקייט באַדייט ער אַלץ!...

אויב ציוניזם איז געגאַנגען אזוי ווייט צו שטעלען „לאַנד״ איבער „תורה״, אויב זיי האָבען אָפּהענגיג געמאַכט די עקזיסטענץ פון אַ אידיש פאָלק, נישט פונ׳ם קיום התורה והמצוות נאָר בלויז פון אַ גרעסער אָדער קלענער שטיק טעריטאָריע, דאַן איז מזרחי געבליבען בלויז איין שריט הינטער איהר, שטעלענדיגביידע אויף אַ גלייכען ניווא, גאָר געוויסערמאסען באַטראַכטענ־

דיג תורה אלס א מיטעל צום צוועק, אַ מיטעל צו קיום האומה, אַ מיטעל צו באַקומען און קענען האַלטען דאָס לאַנד!

אויב אין ווירקליכקייט איז תורה אונזער העכסטער און איינציגער לעבענס־ציל, אויב אין אמת׳ן זיינען מיר געוואָרען אַ פאָלק און האָבען באַ־קומען נאָכדעם אַ לאַנד בלויז כדי אזוי־ארום צו קענען דערפילען די מצוות התורה, אויב מיר זיינען בפרוש באַשאַפען געוואָרען אַלס אַ פאָלק בלויז כדי צו זיין אַ פאָלק וועלכעס לעבט פאַר קיום התורה והמצוות, דאן איז פאַר מזרחי גראד פארקערט, איז ביי זיי תורה בלויז א הילפס־מיטעל. — „מיר מוזען האַלטען תורה ווייל אָהן תורה קענען מיר נישט עקזיסטירען!“. „מיר מוזען האַלטען די מצוות ווייל אויב נישט באַקומען מיר נישט דאָס לאַנד“, „מיר מוזען האַלטען דעם שבת, ווייל אָהן דעם שבת געהען מיר אונטער!“ — — דאָס ציל איז „מיר“, דאָס פאָלק, דאָס לאַנד, און דאריבער מוזען מיר האַלטען די תורה, דעם שבת א. א. וו., ווייל מיר מוזען דאָך עקזיסטירען!...

פאַרשטעהט זיך אָבער אז מיט אזא איינשטעלונג פאַרבייטען זיך די יוצרות. אויב „פאָלקס־עקזיסטענץ“ און „לאַנד“ זיינען די עיקרים, אויב אַלעס אנדערע איז בלויז אַ הילפס־מיטעל, דאן פאַרשטעהט זיך אז „לאַנד“ איז דאָס ערשטע, אַז אַלץ, די גאַנצע תורה דרעהט זיך אויך בלויז ארום ארץ ישראל! דאַן פאַרשטעהט זיך אז מזרחי זוכט קודם־כל א לאַנד און ערשט נאָכדעם קומט תורה! דאן פאַרשטעהט זיך אז מען באשטעהט מיט א לייכט האַרץ אויף אַ קאָמאַנוועלט־אָהן־תורה, און פאַרלאָזט זיך אז „מען וועט שוין שפּעטער אדורכקומען מיט די ציונים!“. דאן פאַרשטעהט זיך אז מזרחי מוז געבען א „הכשר“ אויף אַלץ וואָס עס קומט פאַר אינ׳ם מארקסיסטישען ארץ ישראל! דאן פאַרשטעהט זיך אז אויף אלץ קען מען מוותר זיין, אויף תורה, אויף קדושה און אויף שבת, אויף כשרות און אויף טהרת המשפחה, ממש אויף אַלץ, אָבער... נישט אויפ׳ן לאַנד!...

פאַרוואָס? — ווייל מזרחי שטעהט אויפ׳ן יסוד פון תורה, נישט ווייל קיום התורה איז דער העכסטער צוועק, דער זעלבסט־צוועק פון אונזער לעבען, **נאָר בלויז ווייל די היסטאָריע האָט באַוויזען אז אָהן תורה קענען מיר נישט לעבען אין ארץ ישראל,** ממילא **איז** מען געצוואונגען **צו שטעהן אויפ׳ן יסוד** פון תורה**!!! —**

דאָס ציל (תורה) **האָבען זיי דעגענערירט צו א הילפס־מיטעל, און די**

מיטלען (פאָלק און לאַנד) האָבען פאַרנומען דעם טרוין פונ'ם ציל, דעם אויבענאַן אין אונזער לעבען.

אין פלוג בלויז אַ גאַנץ קליינער חלוק!

יאָ, אָבער דער „קליינער" חלוק איז אַלץ! ס'איז דער זעלבער „קליינער" חלוק וועגען וועלכען איינער פון די וועלטליכע פילאָזאָפען (קוואָטירט דורך דר. יצחק ברייער אין זיין בוך „משיח־שפורען") האָט געגעבען אַ פשוט'ן אָבער אונפאַרגעסליכען ביישפּיל.

צוויי הענטשקעס (גלאָוס), אַ רעכטע און אַ לינקע. גענוי די זעלבע. די איינע דעקט פולשטענדיג די צווייטע. אַנאַליזירענדיג געפינט מען ביי ביידע גענוי דאָס זעלבע. די רעכטע גענוי ווי די לינקע האָט פינף פינגער, גענוי די זעלבע פינף פינגער, אַ דוימען, אַ מיטעל־פינגער, אַ רינג־פינגער, אַלץ.

אָבער פּרוּאוו זיי פאַרבייטען!... וויל אָנטאָן די רעכטע אויף דער לינקער האַנד! — עס געהט נישט!... אַלץ איז פאַראַנען! אַלץ איז דאָס זעלבע! — — די פּאָזיציע איז אָבער אַן אַנדערע! זי ליגט אַנדערש! און... אין דעם געוועַנדט זיך דאָס אָנטאָן די הענטשקע!...

קען עס נאָך דייטליכער געוויזען ווערען? איז עס נישט קלאָהר פאַר יעדען? — אַלץ איז פאַראַנען! אנאַליזירענדיג איז שווער צו דעפינירען דעם חלוק פון מזרחי און סיני־אידישקייט. אין פּרטים געפינט מען אפשר גאָר דאָס זעלבע, די זעלבע תורה, דער זעלבער שבת, די זעלבע ימים־טובים, די זעלבע מצוות, אָבער... זייער פּאָזיציע איז אַן אַנדערע! זיי זיינען אונטער־וואָרפען אונטער קיום האומה והארץ!...

געוויז די זעלבע תורה! אָבער אַ קליינינקער חלוק: זי ליגט אַנדערש!...

ממילא געהט זי נישט ארויף אויף אַ אידישער האַנד!

ממילא געהט און קען עס נישט בעסער געהן ביי מזרחי!

ממילא האָט דער אַזוי זעלבסט־געריהמטער און זעלבסט־פאַרהערליכ־טער מזרחי־חנוך אין ארץ ישראל געמוזט ווערען אַ פולשטענדיגער באַנקראָט!

האָט עס דען געקענט זיין אַנדערש?...

אז זייער „יסוד התורה" האָט דאָך אַן אַנדערע לאַגע!... די זעלבע תורה, אָבער זי ליגט אַנדערש!

ממילא דעקט זי נישט דאָס אידישע קינד!...

איינזייטיגער אחדות.

טאָ וואָס בלייבט פאַר די מזרחי? מיט וואָס קען זי זיך און איהר אונ־פאַרשטענדליכער האַנדלונג פאַרענטפערען?... — אחדות! אייניגקייט! מזרחי איז דער „טשעמפּיאָן פון אידישער אחדות״, דעריבער וויל זי זיך נישט אָפּ־טיילען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. „ספּעציעל אין די היינטיגע ביטערע צייטען מוזען אלע אידען צוזאַמענארבייטען! מיר טאָרען זיך נישט צוטיילען! נאָר פאַראייניגט זיינען מיר שטאַרק!״

מאָדנע אָבער אז אויך אָט די ליבשאַפט צו אחדות שליסט שטענדיג אויס איין פאַרזינדיגטע גרופּע פון אידען! אחדות מיט אלע! שלום מיט אלע, מיט האַלבע גויים, דריי־פערטעל גויים און אפילו מיט גאנצע גויים! שלום מיט אלע, צוזאַמענארבייט מיט אלע, נאָר נישט מיט דער אָרטאָדאָקסיע, נאָר נישט מיט די פרומע אידען, נאָר נישט מיט די גדולי ישראל!

וואָגט אָבער אגודת ישראל צו אַפּעלירען פאַר אחדות, מאָהנט זי למשל, פון דער ערשטער רגע אָן, א פאַראייניגטע הצלה־ארבייט פון אלע אידישע אָרגאַניזאַציעס, זוכט זי אַ פאַרשטענדיגונג פאַר געוויסע אידישע פּראָבלע־מען, ווער פּראָטעסטירט דאַן שטענדיג, ווער איז דער ערשטער זיך צוריק־צוציהען און צו ברעכען די אידישע אחדות? — מזרחי! שטענדיג די מזרחי.

אָבער דאָס מאַכט נישט! אחדות איז בלויז אן איינזייטיגער סלאָגאַן! אגודת ישראל געהערט נישט אין די אידישע רייהען! קען מען דען האָבען אחדות מיט די גדולי ישראל? קען מען זיך דען צונויפרעדען מיט א ר׳ חיים בריסקער זצ״ל, א ר׳ חיים עוזר זצ״ל אָדער להח״ל מיט׳ן אַדמו״ר מגור שליט״א?...

יאָ, מיט די משה שערטאָק׳ס, בן גוריו׳ס, בערל קאַצענעלסאָן׳ס אָדער יצחק גרינבוים׳ס! דאָס איז אן אנדערע זאַך! מיט זיי קען מען לעבען בשלום! מיט זיי קען מען קומען צו אַ פאַרשטענדיגונג און צוזאַמענארבעט. — אָבער מיט גדולי ישראל, מיט רבנים און ראשי ישיבות? קען דען זיין אחדות מיט זיי?...

אודאי אחדות! אודאי בענקט יעדער איד נאָך אחדות אין אונזערע רייהען, אָבער נאָר אויפ׳ן יסוד פון תורה! נישטאָ קיין אחדות צו יעדען פּרייז! אחדות הייסט נישט מוותר זיין אויפ׳ן אמת און אַלץ וואָס איז אונז הייליג! אחדות הייסט נישט בויגען זיך און נאָכגעבען צו די אידישע נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע רעפאָרמערס!

אחדות מוז געשאַפען ווערען ביי אונז, אויף אַ תורה־באַזיס! **זאָלען זיי, די אַסימילאַנטען אונזערע, מוותר זיין אַביסעל אויף זייערע שיטות און שנאה, און דערנעהנטערען זיך צוריק צו תורה כדי צו קענען לעבען בשלום מיט אונז!** פאַרוואָס וויל מזרחי שטענדיג אז די תורה, אז אגודת ישראל זאָל נאָכגעבען? פאַרוואָס האָט זי נאָך קיינמאָל נישט דערהויבען איהר שטימע אז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע זאָל נאָכגעבען, זיין טאָלעראַנטער צו פרומע אידען, אויך זיי לאָזען לעבען און בויען אין ארץ ישראל, כדי אזוי ארום ענדליך אפשר דאָך צו קענען קומען צו א ריכטיגער אחדות?.. פאַרוואָס געהט אחדות קיינמאָל נישט אין דער ריכטונג פון דעם לאַגער פון די חרדים על דבר ד׳?...

אָבער בכלל, וואָס פאר אן אחדות האָט מזרחי דערגרייכט? — מען פליקט זיך ביי די האָר, כסדר רייסט מען זיך ארום, און אפילו דאָס ביסעלע אזוי־גערופענע אחדות וואָס עקזיסטירט יאָ אינ׳ם ציוניסטישען לאַגער, איז טאַקע נאָר צוליב דער מזרחיסטישער טאָלעראַנץ, צוליב׳ן נאָכגעבען איהרס, צוליב׳ן פאַרזעהן אויף תורה און אידישקייט!

איז פאַראַנען חלול שבת אין ארץ ישראל! — „שרייט נישט! מאַכט זיך נישט זעהן! זאָל זיין אחדות!...״ — — ווערען אידישע קינדער אַוועקגעריסען פון תורה און אידישקייט! — „שא! שטיל! שרייט נישט! זאָל זיין שלום!״

אָט אזא אחדות פון פאַרלייקענען זיך, פון אויפגעבען אונזער הייליגסטעס, דאָס האָבען זיי דערגרייכט. אן איינזייטיגער אחדות! בלויז תורה איז די וועלכע גיט שטענדיג נאָך! קיינמאָל אָבער נישט דער ציוניזם!

ס׳איז דער זעלבער אחדות וועלכען אידען וואָלטען זיך געקענט לייכט אויסקויפען לגבי די גויים ווען זיי וואָלטען נאָר געוואָלט נאָכגעבען, אויב זיי וואָלטען זיך אָפגעזאָגט פון אידישקייט!...

און אין נאָמען פון אַזאַ אחדות קומט מען שרייען, אין נאָמען פון אָט דער פייערדיגער אהבת ישראל האָט זיך אנטוויקעלט א שנאה אָהן גלייכען לגבי די אָרטאָדאָקסישע אידען און גדולי ישראל. צוליב איהר העלפט מען חרוב מאַכען דעם כרם השם. און אַלץ ווידעראַמאָל אין נאָמען פון עם ישראל, אין נאָמען פון אהבת ישראל, אין נאָמען פון ארץ ישראל!...

אגודת ישראל

דער מצב פונ׳ם אידישען פאָלק איז געווען אַ שרעקליכער, די וואונדען פון די רעפאָרם זיינען נאָך נישט געווען פאַרהיילט, רדיפות און פאָגראָמען האָבען אָוועקגעריסען א סך פון אונזערע בעסטע ברידער און שוועסטער, דער סאָציאַליזם האָט געהאַט אָנגעמאַכט א שרעקליכען חורבן, ציוניזם און שפּע־טער מזרחיזם האָבען אָנגעהויבען איינרייסען די וועגט פון די עטליכע פאַר־בליבענע ישיבות, און עס האָט זיך באמת אויסגעדוכטען אַז דער צושטאַנד איז א האָפנונגסלאָזער. — ניטאָ קיין כח און מיטלען מעהר כדי איינצוהאַל־טען אָט דעם שרעקליכען גייסטיגען און קערפּערליכען דעגענעראַציע־ פּראָ־צעס!

אָרגאַניזירונג.

אָבער, לא אלמן ישראל! נאָך ב״ה געווען פאַראַנען אַ געזונטער אבר, אַ גרופּע אידען, און בראשם די גדולי התורה והיראה, וועלכע האָבען זיך נישט געלאָזט פאַרשלעפּען דורך דער ציוניסטישער כוואַליע, וועלכע האָבען רעכטצייטיג דערקענט די שרעקליכע געפאַהר, געזעהן אז די נאַציאָנאַלע פאַרגיפטיגונג מיט איהרע קאַטאַסטראָפאַלע פאָלגען ווערט ערגער און מעכ־טיגער פון טאָג צו טאָג, געזעהן ווי ציוניזם געהט אוועק פונ׳ם ארץ ישראל־פּראָגראַם און הויבט אָן פאַרנעהמען מיט געוואַלט דעם חנוך, די קהלות, די פּרעסע און דאָס גאַנצע עפענטליכע לעבען פון אידען, נישט נאָר אין ארץ ישראל נאָר אויך אין פּוילען, אין רומעניע, אונגארן, לאַטוויע, האָלאַנד, בקצור, אויך אין די גלות־לענדער. אז זיי האָבען ארויפגעוואָרפען זייער אפּוטרופּסות אויף די ראשי עם קדוש, געוואָרען די קרובים למלכות, די אידישע פאַרטרע־טערשאַפט לגבי חוץ ולגבי פנים, — האָבען די גדולי ישראל פאַרשטאַנען אז נאָר איין האָפנונג איז געבליבען פאר אידען, איין וועג נאָר קען ברייגנען א רעטונג פון דעם שרעקליכען „גלות ביי אידען״: אָרגאַניזירונג!

די אָרטאָדאָקסיע איז נאָך אלץ געווען דער גרעסטער טייל פונ׳ם אי־דישען פאָלק! פאַרט האָבען אידען נאָך נישט געהאַט פאַרגעסען אז די גדולי ישראל זיינען עס פון שטענדיג אָן די פיהרער, די עיני העדה! און נאָר צוליב

אונזער אייגענער צושפליטערטקייט, נאָר א דאנק אונזער אָפּגעלאָזענער צו־טיילטקייט און געהן יעדער פאר זיך, איש איש לדרכו, נאָר צוליב דעם איז עס די מינאָריטעט פון אסימילאַנטען געלונגען איבערצונעהמען די פיהרער־שאַפט איבער אידען און זיך צו זעצען אויפ׳ן אידישען טרוין, — ממילא מוזען פרומע אידען זיך אָרגאַניזירען, שטעהן האַנד־ביי־האַנד, און שיצען דעם כרם השם!

און אין אַ היסטאָרישען מאָמענט, אינ׳ם יאָהר תרע״ב, זיינען זיך די גדולי ישראל צונויפגעקומען אויף דער קאַטאָוויצער קאָנפערענץ, באַשלאָסען צונויפצונעהמען די חרדים על דבר ה׳, צו אָרגאַניזירען אָט די אלע וועלכע ווילען בלייבען געטריי צו תורה און אידישקייט, געטריי צו דעם ממלכת כהנים וגוי קדוש, אין איין גרויסען אָרגאַניזירטען כח: אגודת ישראל.

תורה־אידענטום.

קיין שום נייעס האָט אגודת ישראל נישט אריינגעבראַכט אינ׳ם אי־דישען פאָלק! סיני איז איהר פּראָגראַם, און א לעבען על־פּי תורה, צו דער־האַלטען אידען און יוגענד ביי אָט דער תורה איז איהר הויפּט־צוועק.

אויך קיין פּאַרטיי האָט אגודת ישראל נישט געשאַפען! — אין א צייט ווען פונ׳ם אידישען פאָלקס־קערפּער האָבען זיך אָנגעהויבען אָפּצורייסען פאַרשידענאַרטיגע גרופּירונגען, אין דעם זעלבען מאָמענט האָט געמוזט, איז עס געווען אַן איינפאַכע פראַגע פון זעלבסט־דערהאַלטונג, אז דער פאַרבלי־בענער, אָריגינעלער תורה־געטרייער טייל פונ׳ם אידישען פאָלק זאָל זיך צוזאַמענהאַלטען, זייט־ביי־זייט, צו דערהאַלטען און שטאַרקען די רייהען פון די אידען וועלכע זוכען קיין פרעמדע גליקען נישט, צו פיהרען א לעבען פון עבודת השם, „צו לייזען, אינ׳ם גייסט פון תורה און טראַדיציע, אלע פּראָב־לעמען וועלכע קומען אויף טאָג־טעגליך אינ׳ם לעבען פונ׳ם כלל ישראל״. אָט דאָס, דער אָרגאַניזירטער רעשט פון תורה־אידענטום, דאָס איז אגודת ישראל!

געבוג שוין האָבען אידען געליטען פון די אָנגעוואָרפענע פאַרזאָר־גערס! שוין צופיל קרבנות זיינען געפאַלען צוליב זייער אויפגעצוואונגענער אפּוטרופסות! אידען מוזען זיין פריי! אָרטאָדאָקסיע נויטיגט זיך אין קיין פאַרזאָרגערס נישט! זי קען זיך איהר שטעדטעל אליין באשטעהן! — ווער זאָגט דען אז א ראש הקהל מוז בדוקא זיין „א דייטש מיט א קמץ׳ל״ און א

סיים־דעפּוטאַט אָדער סענאטאָר נאָר דער וועלכער רויכערט דעם גראָבען ציגאַר אפילו אום שבת ?...

איז אגודת ישראל ארויס אַלס א זעלבסטשטענדיגער כח פון דער אָרגאַניזירטער אָרטאָדאָקסיע, ארויס אין דער אידישער גאַס, דערמאָהנענדיג אידען דעם אמת׳ן מהות פון אונזער פאָלק, אז מיר זיינען בדוקא קיין נאַציאָנאַל, וועלטליך — נאָר א תורה־פאָלק! אז נישט ארץ ישראל נאָר בדוקא די תורה הקדושה איז אונזער ציל און לעבענס־עלעמענט! אז מיר זיינען געוואָרען אַ נאַציאָן דוקא אין סאמע מדבר שממה, און באַקומען א לאַנד האָבען מיר ערשט פיל שפּעטער, פערציג יאָהר נאָכדעם, און אויך נאָר כדי דאָרטען צו לעבען לויט די חקים ומשפטים פון דער תורה!

דערמאָהנט האָט אגודת ישראל אידען אז פאַרלוירען, פאַרטריבען געוואָרען פון אָט דעם לאַנד זיינען מיר נאָר ווייל מיר האָבען נישט געהיטען קדושת הארץ, ווייל מיר האָבען גענומען באַטראַכטען דאָס לאַנד גופא פאַר אַן עיקר, פאַר אַ זעלבסט־צוועק! — אָבער דאָך לעבען מיר ווייטער, נאָך אַלץ עקזיסטירען מיר, אפילו אין גלות, טראָץ די רדיפות און פאַרפאָלגונגען, טראָץ האַס און פּאָגראָמען. פאָרט זיינען מיר פאַרבליבען אַ לעבעדיג איינהייטליך פאָלק. אָהן אַ לאַנד, אָהן אַן אייגענעם שטאַט, אָהן אייגענע פּאָליציאַנטען! — ווי אזוי ?... נאָר ווייל מיר האָבען זיך געהאַלטען אינ׳ם מקור מים חיים, ווייל מיר זיינען פאַרבליבען מיט דער תורה!

אָט זי, די תורת ד׳, האָט מען אידען דערמאָהנט, זי איז עס אונזער לעבענס־כח, זי איז עס די איינציגע און אבסאָלוטע אויטאָריטעט אינ׳ם אידישען פאָלקס־לעבען! נאָר מיט און דורך איהר קענען מיר צוריקקומען קיין ארץ ישראל! און „אם ד׳ לא יבנה בית״, אויב דאָס לאנד וועט נישט געבויט ווערען מיט תורת ד׳, דאן „שוא עמלו בוניו בו״, איז אומזיסט די ארבייט, קען נישט רוהען קיין ברכה אויף דעם ווערק פון זייערע הענד! דאן איז עס נישט בנין הארץ נאָר, פאַרקערט, חורבן הארץ. און דער ענדרעזולטאַט מוז זיין א דריטער „ותקיא הארץ אתכם״ !...

אידישע פיהרערשאַפט מוז ליגען אין אידישע הענד! אידישע אינטערעסען קענען נאָר פאַרטרעטען ווערען דורך אידען שומרי תורה ומצוות! מען טאָר נישט דערלאָזען אז די פעלקער זאָלען טאַקע מיינען אז אונזערע אסימילאנטען זיינען עס די אידישע פיהרערס, האָט אגודת ישראל פּראָקלאַמירט. — און אידען האָבען דערהערט !... נכרים דברי אמת! שליסליך האָבען

זיי געהערט א קול, א אידישע שטימע. און פון דער רגע אָן איז אגודת ישראל געוואָרען א לעבעדיגער, שעפּפערישער און אויפמונטערענדער כח.

דער ציוניסטישער כעס.

אָבער נישט לייכט איז עס איהר אָנגעקומען! — מיט פאַרוואונדערונג און שטוינונג האָבען די מאָדערנע פאָלקס־פאַרפיהרערס פלוצים דערזעהן ווי אידען אָרגאַניזירען זיך אויפסניי ארום דער פאָהן פון תורה און אידישקייט וועלכע זיי האָבען שוין לאַנג געהאַלטען פאַר אָפּגעשטאָרבען און מאַכטלאָז. טראָץ זייער אָנשטרענגונגען, פּראָפּאַגאנדע און אסימילאציע־באַשטרעבונגען ווייזט זיך פלוצים ארויס אז ס׳איז נאָך אלץ פאַראנען א גאַר חשוב׳ער טייל פונ׳ם אידישען פאָלק וועלכער שטעהט נישט הינטער זיי, וועלכער וויל זיי אפילו נישט אנערקענען, וועלכער פאַרלייקענט זייער פיהרערשאַפט און אַק־טיוויטעט לטובת הכלל. פאַרקערט! זיי וואגען גאָר צו פּראָקלאַמירען אַז ציו־ניזם איז אַ שענדונג און מוטווילִיגע פּראָפאַניזירונג פונ׳ם עם השם, אַז ציוניזם האָט גאָר קיין רעכט נישט צו רעדען אין נאָמען פון אידישען פאָלק, אז מען רופט זיי גאָר מהרסים, צוברעכערס, אַז מען נעהמט זיי גאָר פאַראיבעל וואָס זיי בויען דאָס לאַנד אפילו אום שבת, — — פאַרשטעהט זיך אז זיי האָבען נישט געשוויגען, און טאקע מיט אַ כוואַליע פון העצע און פארלוימ־דונג געפּרואווט צו צוברעכען די אגודת ישראל, נאָך איידער זי זאָל קענען זיין פעהיג צוריקצוגעווינען די אידישע מאַסען פאַר תורה און אידישקייט.

פאַרשטעהט זיך אז זיי האָבען נישט געקענט שווייגען! — אָבער אידען האָבען דאָך געהערט. דאָך איז אגודת ישראל געוואקסען פון טאָג־צו־טאָג, דאָך איז זי געוואָרען די חוט השדרה פונ׳ם אָרטאָדאָקסישען איד. דאָך איז זי געווען אימשטאַנד אריינצוגעבען ניי לעבען און נייע האָפענונגען אין די רייהען פונ׳ם רעליגיעזען אידענטום.

טראָץ העצע און באַשמוצונגען, טראָץ באַיקאָטען און שקרים, וועלכע האָבען אפילו נישט געשוינט די גדולי ישראל, דאָך איז אגודת ישראל אימ־שטאַנד געווען אין א גאַנץ קורצער צייט צו שאַפען גדולות ונצורות. אין א מינימום פון צייט און טראָץ אַ וועלט־מלחמה און גאָר גרויסע פינאַנציעלע שוועריגקייטען איז זי פעהיג געווען צו ווערען א דאָמינירענדער פאַקטאָר אינ׳ם קהלה־וועזען פון מזרח־אייראָפּע, צו שאַפען א רייכע אָרטאָדאָקסישע פרעסע, אויפצובויען דעם „קרן התורה״, גרינדען צעהנדליגער ישיבות

קטנות, אנטוויקלען אַ נעץ פון „יסודי התורה“ און מוסטערהאַפטע „בית יעקב“ שולען, צו לייסטען פאר׳ן קרן הישוב און ארץ ישראל, צו שאַפען די נויטיגע סאָציאלע אינסטיטוציעס פאר די אָרימע מאַסען פון מזרח־אייראָפּע, אָבער, דער עיקר, צו הויבען דעם כבוד התורה! צו ווייזען אז לעבען עפ״י תורה איז קיין אָפּגעשטאַנענע זאַך נישט! אז אין אַלע צייטען און עפּאָכען בלייבט תורה אקטועל, און אז אַט די וועלכע פאָלגען איהר, וועלכע געהען דעם וועג פון דער תורה, אז זיי זיינען עס די ריכטיגע אידען, און אז אונטער זייער פיהרערשאַפט בליהט אידיש לעבען ווידער אויף.

מעהר נאָך ווי דורך איהר ארבייט און אויפטואונגען איז אגודת ישראל געווען א ברכה פאר׳ן אידישען פאָלק צוליב איהר עהרליכקייט, צו־ליב דעם אמת וועלכען זי האָט פּראָקלאַמירט און דעמאָנסטרירט!

נייע שיטות און אידעאַלען האָט מען אונז געהאַט אריינגעבראַכט. פונ׳ם פּרעמדען, וועלטליכען חדר איז מען אונז געקומען באַלעהרען. נאָך העכער דריי טויזענד יאָהר עקזיסטענץ האָט מען מיטאַמאָל אימפּאָרטירט נייע דע־פיניציעס און פרושים, געקומען דערצעהלען אז ס׳איז געווען אַ טעות, אַ היסטאָרישער טעות, אז בחינם האָבען אידען אזוי לאַנג געליטען און זיך איינגע׳עקשנ׳ט אין א שיטה פון אן „עם לבדד ישכון ובגויים לא יתחשב“!

נייע פּרינציפּען, נייע האָפענונגען און שפּאָגעל־נייע אידעאַלען זיינען אנערקענט געוואָרען, און, מעהר ווי אַלץ, וויכטיגער ווי ארבייט און שאַפען, וויכטיגער ווי קויפען באָדען און בויען קאָלאָניעס, וויכטיגער ווי אלץ איז דאָ געווען צו שאַפען קלאָהרקייט! אָפּצוגרעניצען אונזערס פון דאָס אימפּאָר־טירטע, אַראָפּצונעהמען דעם פאַלשען ציון־שלייער פון אַט די שרעקליכע רעפאָרם, ווידער ארויס צו שטעלען דעם אמת, צו ווייזען אידען וואָס מען האָט געטאָן מיט זיי, וואָס מען האָט געטאָן מיט׳ן אידישען פאָלק!

דאָס אידען־פּראָבלעם אַ תורה־פּראָבלעם.

פאַראַנען א אידען־פּראָבלעם! — אודאי איז פאַראנען אזאַ פּראָבלעם. אגודת ישראל האָט אָבער פּראָקלאַמירט אז דאָס איז נישט קיין פראַגע פון אן אייגען לאַנד, פון קאָנסולס אָדער פּאָליציאַנטען. דאָס אידען־פּראָבלעם איז א גייסטיגעס, אַ קולטורעלס!

פאַרוואָס וויל מען עפּעס צוריקפיהרען אַלץ אויפ׳ן נישט־האָבען אַן אייגען לאַנד? האָבען אידען דען נישט שוין צוויי מאָל געהאַט אַן אייגען

לאַנד מיט אן אייגענער רעגירונג, און, האָט דאָס לאַנד זיי דעמאָלט געקענט שיצען פון פאַרטרייבונג און גלות ?... פאַרוואָס וויל מען דען אידען איינרעדען אַז נאָר ווייל מיר אידען זיינען געווען שוצלאָז, ווייל מיר האָבען נישט געהאַט קיין אייגענעם קאָנסול אונזערען, נאָר דעריבער האָט היטלער געקענט אויס׳שחט׳ן די אידען פון אייראָפּע ? פאַרוואָס וויל מען בויען אויף אַזעלכע אויבערפלעכליכע טעמים של דופי ?... האָט למשל דאָס האָלענדישע גאָווערנמענט, אָדער דאָס בעלגישע און דענעמאַרקישע, האָבען זיי אפשר מיט זייערע פּראָטעסטען יאָ געקענט שיצען און ראַטעווען זייערע אייגענע אידישע סיטיזענס פון דעפּאָרטאַציע און פאַרניכטונג ?... און איינרעדען וויל מען אונז פּאַרט אז א אידישער קאָנסול, אַז דער פאַרטרעטער פונ׳ם אידישען מיניאַטור־מלוכה׳לע וואָלט יאָ געקענט שיצען זיינע בירגער, און, נאָר ווייל מיר האָבען דאָס נישט געהאַט, ווייל עס האָבען נישט געוואוינט קיין גאַנצער מיליאָן אידען אין ארץ ישראל, ווייל מיר האָבען נישט געהאַט אַט דעם בלויווייסען קאָנסול, נאָר דעריבער איז זיך דער אַנטיסעמיטיזם אזוי צופלאַקערט, נאָר דעריבער איז פונ׳ם אייראָפּעאישען אידענטום נישט געבליבען מעהר ווי אַ הייפעל לעבעדיגע חורבות ?...

ניין ! נישט דאָס איז דאָס אידען־פּראָבלעם ! די ווירקליכקייט איז אַן אַנדערע ! —

קלאָהר און דייטליך האָט משה רבינו עס צום אידישען פאָלק געזאָגט. „אם בחקותי תלכו ואת מצותי תשמרו ועשיתם אתם״, וועט זיין גוט, דאַן וועט איהר לעבען, „וישבתם לבטח בארצכם״... קוים אָבער וועט איהר נישט צוהערען „און נישט טאָן אָט די אלע מצוות״, דאַן קומט די ביטערע תוכחה, „ורדו בכם שונאיכם״, דאַן קומט גלות, „און אייך וועל איך צוזייען צווישען די פעלקער״, „והיתה ארצכם שממה ועריכם יהיו חרבה״. און איהר, איהר וועט זיין „בארצות אויביכם״.

אָבער נישט נאָר דאָס גלות, אויך דעם וועג ארויס פון גלות, אויך די אַנטגילטיגע לייזונג פונ׳ם אידען־פּראָבלעם האָט משה זיי מגלה געווען ! — „או אז יכנע לבבם הערל ואז ירצו את עונם״. נישט מיט געוואַלט ! נישט מיט קאָלאָניזאַציע ! נישט מיט פּאָליציאַנטען אָדער דונאַמס באָדען ! דאָס אידישע הארץ מוז געהיילט ווערען, „יכנע״, ווידער אונטערוואַרפען זיך אונטער ג־ט׳ס תורה ! דאַן האָבען מיר די אייביגע הבטחה פון „וזכרתי״, אַז ג־ט

וועט אונז ווידער געדענקען, „וזכרתי את בריתי יעקב, ואף את בריתי יצחק, ואף את בריתי אברהם אזכור" און דערנאָך אויך אז „והארץ אזכור".

איז דאָס נישט קלאָהר גענוג ?... קען עס נאָך דייטליכער געזאָגט ווע־רען ?... טאָ, פאַרוואָס קוקט מען דאָן נישט אין פסוק אריין ? פאַרוואָס קומט מען מיט נייע שיטות און טעאָריעס ? פאַרוואָס וויל מען אונז איינרעדען אַז „והארץ אזכור" קומט צוערשט, ווען דער פסוק זאָגט אונז אז דאָס לאַנד וועט נאָר קומען צו לעצט, אַלס אַ רעזולטאַט פון אונזער תשובה ?

פאַרוואָס וויל מען אונז איינרעדען, אַז קודם כל מוזען מיר בויען דאָס לאַנד, קודם כל מוזען מיר האָבען אַן אייגענע טעריטאָריע, און ערשט נאָכדעם זאָלען מיר זיך זאָרגען אריינצובריינגען אַ קולטור, צו געבען נשמה לעם עלי' ?...

וויל מען טאַקע אַז מיר זאָלען זיך ערקלעהרען פאַר איינשטימיג מיט דער עפענטליכער דערקלעהרונג פון איינעם פון די מזרחי־פיהרער און פאַר־טרעטער פון דער „אידישער אַגענץ" אין אַמעריקע אַז „מיר שטרעבען צו פולשטענדיגער טרענונג פון מלוכה און רעליגיע ?... אז פאַר זיי האָט מלכות ישראל קיין שייכות נישט מיט'ן נצח ישראל, אַז די געפלאַנטע אידישע קאָמאָנ־וועלט וועט זיין ממש ככל הגוים בית ישראל, אַז דאָס פאַלעסטינעזישע גאָ־ווערנמענט (פון דער גיפטיגער הסתדרות מאַיאָריטעט) וועט, מיט רעגירונגס־געוואַלט, אָנפיהרען מיט אלע נאַציאָנאַלע ענינים, מיט'ן פּאָליטישען, עקאָנאָ־מישען אָבער אויך מיט'ן גייסטיגען טייל פונ'ם פאָלקס־לעבען, אַז זייערע רעגירונגס־שולען למשל, מיט'ן אָפּיציעלען ערציהונגס־פּראָגראַם און די אָפּי־ציעלע רעגירונגס שול־ביכער וכו' וכו' וועלען זיין אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע שולפליכטיגע אידישע קינדער אין ארץ ישראל, אָדער אַז זייער ציוויל־געריכט (נישט די רבנים און דער תורה'דיגער בית דין !) וועט זיין די אויטאָריטאַ־טיווע אינסטאַנץ וועלכע וועט רעגולירען דעם פּראָצעס פון חופה וקדושין, איינפיהרענדיג אַ געזעצליכע מאַס־פּראָדוקציע פון ממזרים, און צוברעכען די חוט־השדרה פון אונזער פאָלקס־לעבען : טהרת המשפחה און חופה וקדושין כדת משה וישראל ?...

וויל מען אַז אויף דעם זאָלען מיר מסכים זיין ?...

וויל מען אונז טאַקע איינרעדען אז מיר זאָלען אויף אַלץ מוותר זיין, זאָלען זיך מיט זעלבס־פאַרלייקענדיגען שגעון אריינוואַרפען בלינדערהייט אין אַזאַ לעבענס־געפעהרליכען עקספּערימענט, און זיך פאַרלאָזען אויפ'ן יושר

און די אנשטענדיגקייט פון די פאַרביסענע אידישע מאַרקסיסטען, אַז „מען וועט שוין מיט זיי שפּעטער אדורכקומען", ווען אַט די זעלבע „הסתדרות" ערקלעהרט שוין יעצט עפענטליך אז היו לא תהי'! אז זיי וועלען אדרבה נאָך פאַרשטאַרקען זייער אַנטי־רעליגיעזען קאַמף, און איהם פיהרען מיט דער גאַנצער מאַכט, אויטאָריטעט און געזעצליכקייט פון אַ רעגירונג. — — וויל מען אונז אָבער פּשוט פאַרבלענדען און איינרעדען אז מיר זאָלען נישט קוקען, זיך נישט וויסענדיג מאַכען, אבי נאָר ארויסנאַרען פון די „גוטגלויביגע גויים" א הסכמה אויף א שטיקעל אידישער קאָמאָנוועלט?...

פאַרוואָס וויל מען נעבעך אידען דעם קאָפּ פאַרדרעהען?...

אודאי איז אגודת ישראל קעגען דעם „ווייסען פּאַפּיר"! אודאי ווילען מיר אז די טויערען פון ארץ ישראל זאָלען בלייבען אָפען פאַר אן אונבאַגרעניצטער אידישער איינוואַנדערונג!

אודאי איז גוט ווען מען בויט ארץ ישראל. אודאי וואָלט יעדער אנערקענט די קאָלאָניזאַטאָרישע דערגרייכונגען פון'ם ציוניזם! אָבער פאַרוואָס וויל מען איינרעדען פאַלשע האָפנונגען? פאַרוואָס רעדט מען וועגען „גאולה"? פאַרוואָס רופט מען זיך „דערלייזערס"? פאַרוואָס מאַכט מען פון קאָלאָניזאַציע־ארבייט א משיח־ענין?...

קומט טאקע אגודת ישראל און פראָקלאַמירט אז מיט מוטוויליגקייט האָט מען אויפגעבלאָזען אן ענין! — טאקע ארץ ישראל, דאָס לאַנד פון די אבות. ווערמען נאָך איז עס אזוי טייער און נאָהענט ווי אונז, אידען פון דער תורה?

(טראָץ די לעכערליכע, אויסגעדראָשענע, איבעראַלטע טענות פון די מזרחי אז „די פרומע אידען זיינען במשך 1900 יאָהר גלות גלייכגילטיג געוואָרען", אַז „זיי פיהלען קיין שייכות נישט מעהר צו א"י", און... אַז בדוקא די פרייע עלעמענטען, זיי וועלכע זיינען שוין געווען אסימילירט ראשם ורובם, זיי וועלכע האָבען שוין אפילו נישט מעהר געקענט דאָס לשון פון אונזערע אבות, גראד אין זיי און נישט אין די פרומע אידען חלילה איז געבליבען גאַנץ און לעבעדיג די צוגעבונדענקייט און בענקעניש קיין ארץ ישראל, דאָס לאַנד פון די אבות!... טאָ איז דאָס נישט באמת איינציגארטיג? איז נישט דער חוזק און די טראַגיש־קאָמישקייט פון אַט אזא לעכערליכער טענה געגוי אזוי גרויס ווי דער חוזק און די טראַגיש־קאָמישקייט פון דער גאַנצער מזרחי־באַוועגונג בכלל?...)

אין ווען נאך איז דער ברען פאר׳ן און דאס כסדר׳דיגע בענקע־ניש צום ארץ אבותינו אזוי פארוואָרצעלט אין מאַרד־און־ביין ווי ביי אונז אָרטאָדאָקסישע אידען, וועמענס גאַנץ לעבען איז פאַרפלאָכטען און פאַרקנופט מיט ציון וירושלים?

מיר, וועלכע בעטען דריי מאָל טעגליך פאר ירושלים, וועמענס תפילות געהען שטענדיג צו די כלילת יופי, ביי וועמענס טיש ירושלים טאָר קיינמאָל נישט פאַרגעסען ווערען, וועמענס שמחה ליגט אונטער׳ן חותם פון „זכר לחורבן״, — וועמען נאך איז די עיר הקודש אזוי טייער?...

קומט טאקע אגודת ישראל מיט וועהטאַג אין האַרצען און שרייט פון דער ערשטער רגע אָן ביז יעצט אז ארץ ישראל איז נישט גלאַט קיין איינפאַך שטיק ערד! ארץ ישראל איז נישט ווי מצרים און ענגלאַנד! ארץ ישראל איז ג־ט׳ס לאַנד, וואָס „עיני ד׳ בה מראשית השנה ועד אחרית שנה״! אַ הייליג לאַנד! און נאָר בקדושה קען עס געבויט ווערען! — געגעבען איז עס אונז כדי דאָרטען מקיים צו זיין די מצוות התורה, און נאָר מיט תורה אינ׳ם האַרצען קען דאָס לאַנד געבויט ווערען! נישט „מיט׳ן תנ״ך אין דער האַנד״, מיט׳ן תנ״ך אין האַרצען מוז ארץ ישראל געבויט ווערען!

קיין רגע איז אגודת ישראל נישט פאַרמאַטערט געוואָרען צו פראָק־לאַמירען אַז בנין הארץ איז פאר אונז אַ מצוה, אַ גייסטיג־רעליגיעזע זאַך! אונטערשטראָכען האָט זי אָבער אויך אַז עס זיינען פאַראַנען נאָך 612 אַנדערע מצוות, און אז נאָר ווען מיר זיינען מקיים זיי אַלע, נאָר ווען מיר לעבען אינ־גאַנצען לויט די געזעצען פון דער תורה, נאָר דאַן האָט די מצוה פון ישוב ארץ ישראל אַ זין און באַדייטונג.

אונזער ארץ ישראל.

ארץ ישראל איז קיין עבודה זרה פאר אונז! ארץ ישראל צו יעדען פרייז באַשטעהט נישט פאַר אונז! ארץ ישראל אָהן תורה איז פאר אונז אַ קבר, אַ טויטע זאַך, אַ גוף אָהן אַ נשמה! און געגעוי ווי משה רבינו דעמאָלט, אין די שרעקליכע מדבר נחש שרף ועקרב, רופט אגודת ישראל אויך היינט אויס: „אם אין פניך הולכים״, אויב דו, ג־ט, ביזט נישט דאָרטען, אויב דו, רבונו־של־עולם, האָסט קיין אָרט נישט אין ארץ ישראל, דאַן „אל תעלנו מזה״, דאַן ווילען מיר נישט, דאַן געהען מיר נישט, דאַן בלייבען מיר וואו מיר זיינען, — אָבער מ י ט ד י ר!...

ווייל ארץ ישראל אליין הייסט נאָך ווייט נישט גאולה! אויך אין ארץ ישראל איז גלות, א דאָפּעלטער גלות: אין גלות ביי אידען!

דאָס לאַנד וואָס ציוניזם וויל בויען איז נישט דאָס ארץ ישראל פון אונזערע אבות! ס׳איז א ניי לאַנד, אַ קאָפּיע פון ענגלאַנד און פראַנקרייך.

דאָס עם ישראל וואָס ציוניזם וויל דערציהען איז נישט דאָס לעגיטימע קינד פון ישראל אבינו. ס׳איז א ניי פאָלק, א גאַנץ אנדער פאָלק, אַ פאָלק אָהן תורה, אָהן יראה, אָהן א בית המקדש.

האָט אגודת ישראל טאַקע פאַרעפענטליכט דעם אמת. זיך נישט אָפּ־שטעלענדיג פאַר קיין שום דראָהונגען האָט זי געוויזען אז „ארץ ישראל״ און „ציון״ זיינען נישט מעהר ווי פאַרפיהרערישע לאָזונגען. אז אונטער זייער שוץ ווערט אדורכגעפיהרט די ערגסטע פאַראונטהייליגונג פון עם ישראל און ארץ ישראל, אַז ציוניזם איז בכלל נישט קיין ארץ ישראל פּראָגראַם נאָר אַן אַלגעמיין, וועלט־אומפאַסענדע שיטה פון רעפאָרם און אסימילאַציע, אַז נישט אַ לאַנד פאַר׳ן עקזיסטירענדען אידישען פאָלק נאָר אַ ניי לאַנד פאַר אַ ניי אידיש פאָלק איז זייער ציל. אַ פאָלק וועלכעס קען נישט מעהר די תורה, וועלכעס האָט פאַרביטען א משה רבינו אויף אַ הערצל און נביאי השם אויף ענגהאַרציגע פאַרטיי־פּאָליטיקערס.

אגודת ישראל האָט געוויזען אויף דער פּראַקטיק, אויף די עקזיסטי־רענדע רעזולטאַטען אין ארץ ישראל. מיט וועהטאָג אין האַרצען האָט זי גע־וויזען אויף די אונצעהליגע מיליאָנען וועלכע זיינען געזאַמעלט געוואָרען ביי אידען פון אַלע שיכטען און שאַטירונגען און מיט וועלכע מען האָט שוין לאַנג געהאַט געקענט האָבען אויסגעלייזט גאַנץ ארץ ישראל, אָבער וועלכע זיינען ליידער טיילווייז אויפגעריבען געוואָרען אין אַ גראָטעסקען פאַרטיי־אַפּאַראַט.

ארץ ישראל־ביזנעס.

אגודת ישראל איז געקומען אראָפּנעהמען דעם שלייער פון קדושה און עהרליכקייט אין וועלכען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע האָט זיך איינגע־הילט! מיט אויפריכטיגקייט און פעסטקייט האָט זי ערקלעהרט אַז ס׳איז נישט אלץ אזוי אַי־אַי־אַי אינ׳ם דריטען ישוב. אפשר איז ביים אָנהויב פאַראַ־נען געווען אן עהרליך אידעאַליזם, היינט אָבער איז ארץ ישראל נישט מעהר ווי א גרויסע ביזנעס, גענוי ווי די גרויסע אידישע פילאַנטראָפּישע אָרגאַני־

זאַציעס וועלכע האָבען אויך אָנגעהויבען לשם מצוה אָבער וועלכע זיינען אויסגעוואקסען צו מעכטיגע, פאַטענטירטע הילפּס־ביזנעס.

מיט אַ מעכטיג אַקצענט האָט מען געוויזען אַז ארץ ישראל איז געוואָרען איין גרויסע יוניאָן, אַ פּאַרטיי־ביזנעס, אַז די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין ארץ ישראל איז אידענטיש מיט דער מאַרקסיסטישער „הסתדרות העובדים", אַז די אַזוי־גערופענע הויפּט־גרופּע פון „אַלגעמיינע ציוניסטען" איז באמת מאן דכר שמי', ווער דערמאָהנט זיי נאָך? עס דערקענט זיך שוין כמעט נישט אז זי עקזיסטירט נאָך, — — און, אַז פאַר'ן פרומען איד איז נישט פאַראַנען קיין אָרט אין ארץ־ישראל. אז מען וויל איהם דאָרטען גאָרנישט, אז מען דולדעט איהם אפילו נישט, און אז מיט אלע דערלויבטע און נישט דערלויבטע מיטלען פּרואווט מען אָט דער אָרטאָדאָקסיע צו באַרויבען פון אַלע זעלבסטשטענדיגע רעליגיעזע רעכט.

איז עס טאַקע מעגליך?

אויף די פּראַקטישע רעאַלע מעגליכקייטען פון אַן אייגען לאַנד האָט אגודת ישראל נישט פאַרגעסען! — געוויזען האָט זי אויף דער קורצזיכטיגקייט פון די ציוניסטישע פיהרערס. פאַרלאָזען אויף אַ פּשוט שטיקעל פּאַפּיר האָבען זיי זיך, געבויט און געהאָפט אויף דער אייגעננוצליכער הבטחה פון קלוגע שטאַטסמענער.

אָבער פאַרוואָס נאַרט מען זיך? פאַרוואָס וויל מען אידען אָפּנאַרען? ווייסען די ציוניסטישע פיהרערס דען נישט אליין אַז די אַזוי־טייערע באַלפור־דעקלאַראַציע איז נישט מעהר ווי אַ שטיקעל פּאַפּיר? האָט דען נישט, נאָך אין 1922, דער דעמאָלדיגער ענגלישער סעקרעטערי פון קאָלאָניעס, ווינסטאָן טשוירטשיל, ערקלעהרט אַז מיט דער הבטחה פון „אַ נאַציאָנאַלער היים פאַר'ן אידישען פאָלק" האָט ענגלאַנד בכלל קיינמאָל נישט געמיינט אַן אייגענעם, אויטאָנאָמען אידישען שטאַט? טאָ, פאַרוואָס האָט מען ווייטער געבלאָפט? פאַרוואָס האָט מען אידען נאָך אַלץ איינגערעדט פאַלשע האָפענונגען, און טאַקע היינט געבראַכט צו אַזאַ ביטערער אנטוישונג?...

פאַרוואָס רעדט מען איין „שלום! שלום!" ווען עס קען נישט זיין קיין שלום, ווען דאָס אראבער־פּראָבלעם ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג, ווען מען זעהט ווי עס האָט זיך (צוליב דער ציוניסטישער שאָוויניסטישער באַציהונג) געשאַפען אַן אונאיבערבריקבארער תהום פון שנאה און טעראָריזם צווישען

אידען און בני ישמעאל, וועלכע זיינען, נישט נאָר ארום ארץ ישראל, נאָר אפילו נאָך אין ארץ ישראל אליין די איבערוויגענדע מאַיאָריטעט ?... ווייסען ציוניסטען דען נישט אז זיי, און נאָר זיי, האָבען באַווירקט דעם אונמעגליכען אחדות צווישען די פאַרשידענע קעגענגעזעצטע און פיינדליכע אַראַבישע מאַכטען, וועלכע האָבען זיך געאייניגט בלויז אויף איין פונקט: זייער שנאה צום ציוניזם !... האָבען די אראבישע פיהרער דען נישט נאָך מיט צוואַנציג יאָהר צוריק עפענטליך דערקלעהרט אז זיי שרעקען זיך נישט פאַר׳ן אָרטאָדאָקסישען און רעליגיעזען איד, אַז נישט פאר איהם נאָר בלויז פאַר׳ן ציוניזם וועלכער וויל איינפיהרען מאָדערניזם און איראָפּעאישקייט, אַז נאָר פאַר דעם שרעקען זיי זיך און בלויז דאָס ווילען זיי באַקעמפען ?...

און אויב עס האָט אפשר פאַרט עקזיסטירט אַ מעגליכקייט פון שלום און צוזאַמענארבייט מיט די אַראַבער, ווייסען די ציוניסטען דען נישט אליין אז זייערס אַ מעמבער איז עס געווען דער וועלכער האָט (אונטער׳ן שוץ פון דער ארץ ישראל׳דיגער נאַכט) דערשאָסען אין רוקען דעם איינציגען מענשען וועלכער האָט אפשר געהאַט די מאַכט און פעהיגקייט צו באַווירקען אַ פרידליכע און סוקסעספולע לייזונג פונ׳ם אראבער־פּראָבלעם: הקדוש יעקב ישראל דע־האַן ?... — — טאַ, פאַרוואָס טומעלט מען? פאַרוואָס וויל מען איינרעדען אַ מעגליכע לייזונג פונ׳ם פאַרביסענעם אַראַבער־פּראָבלעם ?...

פאַרוואָס נאַרט מען אידען ?...

פאַרוואָס בלאָפט מען וועגען א לייזונג פונ׳ם אידען־פּראָבלעם? ווייסען דען די ציוניסטישע פיהרערס נישט ווי גרויס ארץ ישראל איז? האָט דען דאָס לאַנד נישט אַ מאַקסימאַלע אויפנאַמס־פעהיגקייט? זאָגען דען נישט די ציוניסטישע אָפּטימיסטען אליין אז נאָר צוויי מיליאָן אידען איז דער אויסערסטער מאַקסימום אין ארץ ישראל ?... און די סופּער־אָפּטימיסטען, וואָגען זיי דען צו רעדען וועגען מעהר ווי דריי מיליאָן, שוין מיט׳ן עבר הירדן צוגערעכענט און קיין שום אראבער נישט מעהר קומענדיג אין לאַנד אריין ?... טאַ, וואָס שפּילט מען זיך מיט אידען? וואָס רעדט מען זיי איין אַן אייגען לאַנד פאַר אונזער פאָלק? גלויבט מען טאַקע אז א צוויי־דריי מיליאָנען־שטאַט (ווען מען זאָל איהם שוין אפילו האָבען!) מיט נאָך אַלץ 80% פונ׳ם אידישען פאָלק אין חוץ לארץ, גלויבען זיי טאַקע אז דאָס קען זיין א לייזונג פונ׳ם אַנטיסעמיטיזם און דאָס אידען־פּראָבלעם ?...

שרייט טאַקע אגודת ישראל אז מען פאַרדרעהט בכונה דעם אמת!

אז מיט מוטוויליגקייט דערלאָזט מען נישט צו קיין קלאָהרקייט! אַז מיט דע־מאַגאָגישער באַרעכנונג דערהאַלט מען די פאַלשע, אוטאָפּישע האָפענונגען אויף אַן אייגען לאַנד, הגם די ציוניסטישע פיהרערס אליין זעהען איין די אונרעאַלקייט דערפון!

פאַרוואָס?... — ווייל זיי מוזען, זיי זיינען געצוואונגען צו דערהאַלטען די האָפענונגען, ווייל אויב נישט ווערט בטל, צופאַלט דער אַפּאַראַט, איז באַנקראָט די ביזנעס!...

זאָגט אגודת ישראל אז ארץ ישראל־ארבייט איז קיין גאולה־פּראָגראַם! נישט אויפבויען נאָר בויען, נישט אויפטאָן נאָר טאָן איז די אויפגאַבע פון מענשען!... בנין הארץ איז קודם כל א מצוה. יאָ־שטאַט־נישט־שטאַט, קאָ־מאָנוועלט אָדער נישט, וויפיל אידען מיר קענען אריינברייננגען אין לאַנד אריין, וויפיל אידען מיר קענען באַזאָרגען מיט ארבייט און פרנסה, זיינען מיר פאַרפליכטעט עס צו טאָן. וויפיל ערד מיר קענען אויסקויפען און אידען דערויף באַזעצען, זיינען מיר עס מחויב!

לאָזט מען איהר אָבער נישט! ווייל מען איהר נישט צולאָזען! שטערט און צוברעכט מען די אגודיסטישע ארץ ישראל־ארבייט!

האָט די אָרטאָדאָקסיע טאַקע נישט געטאָן?

שרייט מען אז מכלומרשט טוט די אָרטאָדאָקסיע נישט פאַר ארץ ישראל. זי וויל נישט, זי איז קעגען ארץ ישראל! — — אָבער זיי, די ציוניסטען אליין, ווייסען דעם אמת. זיי ווייסען אז די אָרטאָדאָקסיע אליין איז די וועלכע האָט דערהאַלטען במשך טויזענדער יאָהרען אונזער צוגעבונדענקייט צו ארץ ישראל! זיי ווייסען אז קיינמאָל נישט, זייט די טעג פון טיטוס און רוים, איז ארץ ישראל געווען אינגאַנצען פאַרלאָזען פון אידען, און שטענדיג זיינען עס נאָר געווען די פרומע אידען וועלכע האָבען זיך דאָרטען במסירת נפש און אין די אונמעגליכסטע קאָנדיציעס באַזעצט! זיי ווייסען אז עס זיינען בדוקא געווען די גדולי ישראל, דער משורר ר׳ יהודה הלוי, דער רמב״ם, רבינו יחיאל פון פאַריז און נאָך איהם דער רמב״ן וועלכער (צוזאַמען מיט זיינע תלמידים) זיינען געווען די פיאָנערען פון אַ נייער עלי׳. און זיי, די ציוניס־טען, ווייסען אויך אז כסדר איז עס אזוי געגאַנגען. שטענדיג זיינען עס געווען די גדולי ישראל וועלכע האָבען דערהאַלטען די צוגעבונדענקייט און וועלכע זיינען אליין עולה געווען צום הייליגען לאַנד. געווען איז עס ר׳ יוסף קאַרא,

דער מחבר פונ׳ם שלחן ערוך, די מקובלים אין צפת, רבינו יצחק לוריא (האר״י), ר׳ חיים וויטאל, ר׳ שלמה אלקביץ, דער אלשיך, שפעטער דער של״ה, און נאָך די גזירות ת״ח די פרומע פוילישע אידען, די חסידישע עליי (תלמידי הבעל שם טוב), רבי נחמן בראסלאווער א. א. וו. אויך די „חלוקה״ פאר די עולים ווערט אָרגאַניזירט דורך די גדולי ישראל, און ר׳ שמואל מסאלאנט (ווידער אַן אָרטאָדאָקסישער איד) שאַפט דעם ערשטען איינהייטליכען פי־נאַנציעלען אינסטרומענט פאר א״י: דער „ועד הכללי״ (כולל הכוללים).

דאָס אַלץ ווייסען די ציוניסטען! זיי ווייסען אפילו אַז גראד פ ר ו ־ מ ע א י ד ע ן , אָ ר ט אָ ד אָ ק ס ע ן , האָבען אָנגעהויבען די היינטיגע קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל! אין 1855 איז עס געווען ר׳ משה מאָנטעפיאָרע וועלכער האָט געגרינדעט דעם ערשטען פרדס ביי יפו. אין די אַכציגער יאָה־רען זיינען עס געווען די חובבי ציון (אונטער דער דירעקטער פיהרערשאַפט פון גדולי ישראל) וועלכע האָבען (העכער 10 יאָהר איידער די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז געגרינדעט געוואָרען!) געגרינדעט די ערשטע קאָלאָניעס ווי פתח תקוה, ראשון לציון, זכרון יעקב, ראש פינה, מקוה ישראל, און נאָכ־דעם נאָך פאַרשידענע אנדערע וועלכע זיינען אויפגעהאַלטען געוואָרען דורכ׳ן באַוואוסטען פאַריזער באַראָן ראָטשילד.

זיי ווייסען אַז די אָרטאָדאָקסיע איז געגאַנגען אַלס פיאָנערין קיין א״י, און אַז זיי, די טאַפפערע און מוטיגע ציוניסטען, זיינען ערשט געקומען ווען דער וואָגען איז שוין געפאָהרען, ווען דער ישוב אין א״י האָט שוין עקזיס־טירט!

זיי ווייסען אַז איינס פון די פונקטען פונ׳ם אגודיסטישען פראָגראַם אין קאַטאָוויץ איז געווען ארץ ישראל־ארבייט! זיי ווייסען אפילו אַז, טראָצדעם וואָס דער „קרן הישוב״ איז ערשט אין תרפ״ג (1923) געשאַפען געוואָרען, דאָך איז אגודת ישראל שוין אין תרפ״ד (1924) צוגעטראָטען צו גרויסצוגלי־כער ארץ ישראל־ארבייט. מיט אַ באַוואונדערענסווערטען שוואונג און פאַר־נעם האָט די אָרטאָדאָקסיע, אויפ׳ן באַזיס פון פריוואַט־איניציאַטיוו, גענומען אויסקויפען די געגענד פון אולם ומעדר (העכער 50.000 דונאם באָדען), און זיי ווייסען אויך אַז זיי אליין, זיי די אזוי־גערופענע געטרייע ציונס־קינדער, זיי גופא האָבען דעמאָלט געקעמפט מיט אלע דערלויבטע און נישט־דערלויבטע מיטלען פון העצע, פאַרלוימדונג און גיפטיגע שונד־פראָפאַגאַנדע (וועלכע האָט אפילו נישט געשוינט די גדולי ישראל) כדי צו צוברעכען אָט די ערשטע

גרויסצוגליכע ארץ ישראל־ארבייט פון די יונגע אגודת ישראל! מיט אַן אונ־פאַרגעסליכער פאַרביסענקייט איז ארויס דער ציוניסטישער כעס, און מיט אַ וועלט־אומפאַסענדער אקציע פון שקר און בלבולים איז זיי, די אידען מיט אהבת ציון, געלונגען צו צושטערען דעם הערליכען אָנהויב פון אגודת ישראל׳ס ארץ ישראל־טעטיגקייט!

דאָס אַלץ ווייסען זיי, די ציונים! — זיי ווייסען, אַז זיי זיינען עס געווען די וועלכע האָבען מיט שקר און שמוץ, מיט העצע און שנאה, צובראָכען די אָרטאָדאָקסישע טעטיגקייט פאר א״י! זיי ווייסען אז זיי זיינען געווען די וועל־כע האָבען דעם יונגען „קרן הישוב״ צובראָכען, אזוי ווייט אז ביז היינט קען ער נאָך נישט דעם קאָפּ אויפהויבען! זיי ווייסען אַז די אָרטאָדאָקסיע האָט בדוקא גענומען טאָן פאַר א״י און גאָר אָנגעהויבען מיט געוואלדיגער ארבייט, און אז נאָר זיי, די ציונים, האָבען אויף אַ ריקזיכטסלאָזען און נידערטרעכ־טיגען אופן צושטערט אָט די טעטיגקייט, ווען זי האָט זיך אָנגעהויבען צו באַווייזען!

זיי ווייסען דאָס! זיי ווייסען אויך אז מען קען נישט שטענדיג קומען מיט דער זעלבער אַלטער, פוסטער און אויסגעדראָשענער טענה „פאַרוואָס האָט די אגודה נישט געטאָן פאַר א״י?״. זיי אליין ווייסען אז אפילו אויב עס וואָלט למשל יאָ אמת געווען אז די אָרטאָדאָקסיע האָט נישט געטאָן פאַר א״י, איז דאָס אָבער פאָרט נישט קיין באַרעכטיגונג (זיכער נישט קיין אייביגע באַ־רעכטיגונג) צו שטערען די אָרטאָדאָקסישע טעטיגקייט פאר א״י! זיי ווייסען אַז לויט זייער מכלומרשט א״י־אידעאַליזם וואָלט זייער שמחה געמוזט זיין גאָר גרויס ווען די אָרטאָדאָקסיע וויל „שליסליך״ אויך העלפען בויען דאָס אִי־דישע לאַנד!...

זיי ווייסען אַלץ, אָבער... פאַר די ביזנעס טויג עס נישט! פאַר די ביזנעס איז בעסער ווען ס׳איז נישט פאַראַנען קיין קאָנקורענץ, ווען די ארבייט איז מאָנאָפּאָליזירט אין זייערע הענד! ממילא האָט מען פון דער ערשטער רגע אָן גענומען צוברעכען אגודיסטישע ארבייט אין ארץ ישראל! מיט געוואלט און באַיקאָטען, מיט מסירות און מעססער־שטעך, און אפילו אַמאָל אויך מיט רעוואָלווער־שאָסען, האָט מען נישט דערלאָזען אז אגודת ישראל זאָל בויען און שאַפען. — און... נאָכדעם האָט מען גענומען שרייען אז די אָרטאָדאָקסיע טוט נישט פאר ארץ ישראל, אז זי איז קעגען!...

אגודת ישראל האָט אָבער דאָך געטאָן. טאַקע נישט אזוי־פיל ווי זי

האָט געוואָלט און ווי ס׳האָט זיך געגוויטיגט, אָבער דאָך האָט זי געשאַפען אַ קערן־גרופּע, אַ מקלט פאַר תורה און אידישקייט אין ארץ ישראל. לכל הפחות אַ מינימום פון חלוצים און פועלים שומרי תורה ומצוות, שומרי שבת ושובתי שביעית.

און די אידען אין חוץ לארץ?

מעהר אָבער ווי ארץ ישראל שטעהט אויפ׳ן אגודיסטישען פּראָגראַם! שליסליך לעבען נאָך שטענדיג העכער 95% אידען אין חוץ לארץ, און איז נישט אויך זייער בלוט רויט?... פאַרוואָס זאָלען טאַקע די אידען פון ווארשע און לעמבערג זיין ווייניגער ווי די תל־אביב׳ער קעסט־קינדער פון דער פושקע? פאַרוואָס זאָל נישט געזאָרגט ווערען פאַר די גויטען און באַדערפעי־נישען, פאַר דעם חנוך און די פאַכאויסבילדונג פון אלע אידישע קינדער?...

קען אגודת ישראל זיך טאַקע נישט קאָנצענטרירען אויף ארץ ישראל אליין! אויך אין גלות מוזען אידען לעבען! ארץ ישראל איז טאַקע א מצוה, אפשר איז עס גאָר אַ וויכטיגע מצוה, פאַראנען אָבער נאָך מצוות, און אפילו נאָך וויכטיגע מצוות, און... ניטאָ קיין פּרייאָריטי צווישען זיי! שליסליך איז דער „קרן התורה״ נאָך שטענדיג מינדעסטענס אזוי וויכטיג ווי דער „קרן הישוב״!...

האָט אגודת ישראל זיך טאַקע נישט קאָנצענטרירט אויף ארץ ישראל אליין! אודאי האָט זי דעריבער נישט אזוי־פיל געקענט טאָן פאַר א״י, אָבער פון דער אנדערער זייט, האָט זי געארבייט פאַר חוץ לארץ, פאַר די 16 מיליאָן אידען וועלכע האָבען נישט געהאַט די זכי׳ צו באַקומען אַ סערטיפיקאַט פון דער אידישער אגענץ!

און ווער ווייס צי עס האָט זיך טאַקע נישט געלוינט? ווער ווייס צי אגודת ישראל איז טאַקע נישט געווען גערעכט? הגם די ציוניסטישע פיהרערס זיינען נישט מסכים דערצו, הגם זיי וואָלטען גערן און מיט א רוהיג געוויסען מקריב געווען און פאַרשאַכערט די גאַנצע גולה, אבי נאָר האָבען די מעגליכקייט צו שאַפען א שטיקעל אידישע מלוכה אין ארץ ישראל.

די ציוניסטישע פאָהן און הימן.

און טאַקע מיט מלכות׳דיגע דרכים איז ציוניזם ארויס! — דאָרף מלכות האָבען אַ סימבאָל, האָט מען זיך געשאַפען אַ סימבאָל, אַ מלכות׳דיגע פאָהן, בלוי־און־ווייס, אַ־לאַ פראַנקרייך און ענגלאַנד.

ווייל אגודת ישראל אבער נישט מסכים זיין. בשום אופן וויל זי זיך נישט אויפשטעלען און אראפנעהמען דעם הוט פאר'ן ציוניסטישען פעהנדעל.

„די נאציאנאלע פאהן!" — בשום אופן נישט! „די ציוניסטישע פאהן, א פארטיי־פאהן", זאגט אגודת ישראל. אייער פאהן, נישט אונזערע! (אפילו נישט די אפיציעלע פאהן פונ'ם „השומר הצעיר" וועלכע האט אן אנדערע, אן אייגענע פאהן, אן אויסמישונג פון די פארבען פון די מארקסיסטישע רויטע פאהן מיט דער בלוי־ווייסער!) — מיר אידען האבען אנדערע פעהנער! אודאי האבען מיר פעהנער, יעדער שבט בישראל האט געהאט זיין אייגענע פאהן, אבער זיי זיינען געווען אידישע, אונזערע, נישט קיין קאפיאירטע פון די גויים! — געווען לויט די צייכענס וועלכע יעקב אבינו האט זיינע קינדער איבערגעגעבען, געווען לויט די שטיינער פונ'ם „חשן המשפט" מיט וועלכען דער כהן גדול האט געטאן די עבודה אינ'ם בית המקדש!...

פעלקער האבען א נאציאנאל־הימן, מוז ציוניזם דאך אויך האבען זיינס אן אייגען ליד. — ווייל אגודת ישראל אבער ווידער נישט מסכים זיין. „א נאציאנאל ליד"! — בשום אופן נישט. „א ציוניסטיש ליד"! אייערס, נישט אונזערס (אפילו נישט דאס ליד פון „השומר הצעיר" וועלכע זינגט נישט די „התקוה" נאר דעם „אינטערנאציאנאל" און „תחזקנה"!)

אודאי האבען מיר אונדזער נאציאנאל־ליד, שטענדיג האבען מיר עס געהאט. „זמירות היו לי חקיך", זאגט דוד המלך. די תורה הקדושה, דער „שמע ישראל", דאס תהילים'ל, דאס איז טויזענדער יאהרענלאנג געווען אונ־זער נאציאנאל געזאנג. זיי האבען מיר געזונגען אין צייטען פון נויט און עלענד, פון טרויער און פרייד. — אבער ווען האבען אידען אמאל פארגע־טערט און געהאט די חוצפה צו מאכען פאר א „נאציאנאל־הימן" דאס פראסטע גאסען־לידעל פון איינעם אן אויסגעלאסענעם פאעט?...

פארדריסט זיי טאקע וואס אגודת ישראל מאכט חוזק, פארוואס זי דערלאזט נישט זייער נאציאנאלע־שטיק, פארוואס זי וויל נישט מיטזינגען זייערע מאדערנע שירי־ציון, און, דער עיקר, פארוואס אגודת ישראל שרעקט זיך נישט אראפצונעמען דעם הייליגען נאציאנאלען מלכות־מאנטעל וועלכען די ציוניסטישע מינאריטעט וויל זיך בשום אופן אנטון!...

איז דען א וואונדער אז דער ציוניסטישער לאגער קען נישט שווייגענד פארבייגעהן דעם פאקט פון א וואקסענדער אגודת ישראל? איז דען א וואונדער

וואָס זיי ליארמען און שרייען? איז דען אַ וואונדער פאַרוואָס די אָרטאָדאָקסיע ווערט אָנגערופען די „שווארצע מאַסע“? איז דען אגודת ישראל נישט טאַקע דער בעל־מחלוקת, דער צובּרעכער פונ׳ם אידישען אחדות? האָט אגודת ישראל זיך נישט טאַקע אָפּגעטיילט פונ׳ם ציוניסטישען לאַגער און, גענוי ווי אַמאָל די לויים, געוויגערט צו טאַנצען ארום דעם עגל הזהב פון אַן אייגענער מלוכה?... האָט זי דען נישט געוויגערט מיטצוגעהן אויפ׳ן וועג פון נאַציאָ־נאַלער אסימילאַציע, צו פאַרקויפען תורה פאַר באָדען און אידישקייט פאַר געלד?...

פאַרשטעהט זיך אַז זיי פאַרדריסט גאָר שטאַרק אויף אגודת ישראל. (אַ שלעכטער סימן וואָלט געווען אויב עס וואָלט געווען אנדערש!) אלץ איז געגאַנגען אזוי שעהן און פיין, שוין כמעט איינגאַנצען האָבען זיי געהאַט אי־בערגענומען די פיהרערשאַפט איבער אונזער פאָלק, און דאָ קומט מיטאַמאָל א קליקע פרומע אידען, מאַכען מחלוקות, דערהויבען פּראָטעסטען, זיך אָנ־נעהמען פאַר תורה, קריטיקירען זייער קאָלאָניזאַציע־ארבייט, וואָרנען דאָס פאָלק פאַר די ציוניסטישע רעפאָרם. — — פאַרשטעהט זיך אַז זיי האָבען נישט געקענט שווייגען, און בחרב ובחנית איז מען ארויס קעגען דער אָרטאָדאָקסיע, די „אידישע עמלקים“!...

דער „נאַציאָנאַלער“ בלוט־בלבול.

אויף אזוי ווייט, אַז מען האָט זיך שוין לעצטענס אַפילו דערלויבט, (סיי די ציונים און סיי די מזרחי) איין מאָל און נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, ביז אויפ׳ן היינטיגען טאָג, דעם עקעלהאַפטיגסטען פון אַלע בלוט־בלבולים, אַ באַשולדיגונג פון מיטעלאַלטערישער גרויזאַמקייט, אַז „אגודת ישראל האָט אויסגעה׳רג׳עט די פינף מיליאָן אידען פון איירעפּע, ווייל איהרע פיה־רערס, די גדולי ישראל, האָבען נישט געהייסען עולה זיין קיין ארץ ישראל! דעריבער האָט היטלער זיי געקענט אויס׳שחט׳ן!“ א טענה וואָס יעדער צו־ביסלעך ניכטערער מענש זעהט די שטות און זינלאָזיגקייט דערפון. אזוי ווי יעדער וואָלט נישט געוואוסט אז גראד די גדולי ישראל זיינען שטענדיג געווען די ערשטע מסירת הנפש׳דיגע עולים, די וועקער און מאָהנער צו עלי׳, אָדער אז נאָך מיט העכער צוואַנציג יאָהר צוריק (תרפ״א) האָט למשל דער גערער רבי שליט״א געהייסען עולה זיין און אינוועסטירען קאַפּיטאַל אין א״י, געבענדיג אליין דאָס ביישפּיל דערצו!...

אזוי ווי יעדער וואָלט נישט געוואוסט אז דאָס עולה זיין קיין ארץ ישראל האָט זיך נישט געווענדט אינ׳ם גוטען ווילען פון דער פוילישער אָרטאָדאָקסיע און איהרע פיהרערס, נאָר בלויז אין דער צושטימונג פון ענגלאַנד, אונ׳ם גוטען ווילען פון די הערדען פון דער „אידישער אַגענץ״ וועלכע האָבען (פון דער לעכערליך קליינער צאָהל פון אַ הונדערט אָדער צוויי הונדערט טויזענד סערטיפיקאַטען, דורך וועלכע מען קומט יעצט פלוצים טענה׳ן אז גאָר זעקס מיליאָן אידען האָבען זיך געקענט האָבען גערעטעוועט!...) וועלכע האָבען אָבער ביז אין תרצ״ב (32׳) קיין איין־איינציגען סערטיפיקאַט גע־געבען צו דער אגודת ישראל (וועלכע ווערט יעצט באַשולדיגט פאַר נישט האָבען געוואָלט עולה זיין!...), און אויב יאָ באַשולדיגונגען, דאַן וואָלט זיך דאָ בלויז געפּאַסט א זעלבסט־באַשולדיגונג פון די הערדען פון דער „אידישער אגענץ״ וועלכע האָבען דורך זייער קורצזיכטיגער פּאַרטיי־פּאָליטיק פאַראורטיילט די הערליכסטע גרופּע פונ׳ם אידישען פאָלק צו פאַרבלייבען אונטער׳ן נאַצי־יאָך!...

אזוי ווי יעדער וואָלט נישט געוואוסט אז גראד דורך דעם פון די ציוניסטען בכונה איבערטריבענעם און אויפגעבלאָזענעם ארץ ישראל־חלום זיינען הונדערטער טויזענדער אידען פון מזרח־אייראָפּע, וועלכע האָבען זיך זיינערצייטס לייכט געקענט ראַטעווען קיין אמעריקע און אנדערע איבער־זע לענדער, אז גראד דורך די פאַר׳כשופ׳דיגע, אויסגעפּוצטע ציוניסטישע צוקונפטס־חלומות וועגען אן אייגענער מלוכה, מיליאָנען עולים (אין א צייט ווען נאָר געצעהלטע טויזענדער סערטיפיקאַטען, אָהן וועלכע מען קען נישט אריין אין א״י זיינען יעהרליך ארויסגעגעבען געוואָרען דורך ענגלאַנד, און דאָס פוילישע אידענטום אליין וואָלט געמוזט וואַרטען לכל הפחות אַ מענשען־לעבען לאַנג כדי אז אלע זאָלען קענען עולה זיין!...) נאָר דורך אָט די פאַלשע, אוטאָפּישע ציוניסטישע צוקונפטס־פאַרשפּרעכונגען, נאָר דורך זיי האָבען די אָרימע אידען זיך דעמאָלט אָפּגעזאָגט פון עמיגראַציע און רעטונג אין דאָס „ווייטע און פרעמדע אַמעריקע״, און האָבען נעבעך בלינדערהייט געוואַרט אויפ׳ן ציוניסטישען סערטיפיקאַט, וועלכעס איז אָבער ליידער נישט געקומען!

אזוי ווי יעדער וואָלט נישט געוואוסט אז צווישען די אויסגעמאָרדעטע אייראָפּעאישע אידען זיינען אויך געווען הונדערטער טויזענדער ציונים און מזרחים, מסתמא גאָר מעהר ווי אגודיסטען, טאָ פאַרוואָס האָבען די ארץ ישראל־קעמפּער זיי, זייערע אייגענע חברים און פּאַרטיי־גענאָסען נישט

אריינגענומען אינ׳ם היימאַטלאַנד אריין? פארוואָס האָבען זיי זיי נישט געראַ־טעוועט, אויב די אגודיסטען האָבען זיך נישט געוואָלט לאָזען ראַטעווען?...

טאָ, ווי שעהמט מען זיך נישט, ווי באַגראָבט מען זיך נישט אליין פאר חרפה, איידער ארויסצורעדען אַזאַ כפול־שמונה׳דיגען שקר, אַזאַ פאַל־שען, אכזריות׳דיגען, פון שנאת ישראל דורכגעדרונגענעם בלוט־בלבול, וועל־כער האָט נאָר געקענט געבוירען ווערען אינ׳ם מוח פון אָט די אידען וועמענס „שנאת עם הארץ לתלמיד חכם" איז נאָך גרעסער ווי די „שנאת גויים ליש־ראל"!... — — ווי באַגראָבט מען זיך נישט פאַר חרפה?...

דער אגודיסטישער אמת.

אזוי איז עס אָבער געגאַנגען און אזוי געהט עס ווייטער. אגודת ישראל שרייט ווייטער אז מיר זיינען אַ תורה־פאָלק, אז תורה און גדולי ישראל זיינען אונזערע אויטאָריטעטען, אַז ארץ ישראל איז אַ הייליג לאַנד, אַז מיר מוזען אָבער טאָן פאַר אַלע אידען, אז אין אַלע לענדער מוזען מיר העלפען אידען, גייסטיג און קערפערליך. — די אידען אין גלות־לענדער זיינען אויך אידען, גלייכבאַרעכטיגטע, און זיי זיינען נישט נאָר דאָ כדי ביי זיי צו זאַמלען געל־דער פאַר די קעסט־קינדער אין פאַלעסטיין! — אגודת ישראל שטעלט פעסט אַז ציוניזם איז קיין אויפבוי־אַרבייט נישט. פאַרקערט, ס׳איז אַ נייער חורבן! נישט ארץ ישראל נאָר רעפאָרם און אסימילאַציע „ככל הגויים" איז איהר ציל! — קיין שום רעכט האָבען זיי נישט צו רעדען אין נאָמען פונ׳ם אידישען פאָלק, וויל אין ווירקליכקייט זיינען זיי גאָר אַ גאַנץ קליינע מינאָריטעט פונ׳ם אידישען פאָלק, הגם זיי האָבען מיט געוואלד פארנומען די פיהרענדע פאָ־זיציעס אינ׳ם כלל־לעבען און זעהען זיך אויס ווי אן איבערוויגענדע מעהרהייט.

די „רבנות הראשית".

אויף אזוי ווייט האָט זייער ארץ ישראל־עקשנות זיי פאַרפיהרט אַז מזרחי למשל שרעקט זיך היינט אפילו נישט מעהר צו פרעטענדירען אַז זי אנערקענט בלויז איין רעליגיעזע אויטאָריטעט, איין אויטאָריטעט, איין פערזאָן פאר׳ן גאַנצען וועלט־אידענטום: דער „רב הראשי" פון די „כנסת ישראל" אין ארץ ישראל.

וויל אגודת ישראל אָבער פאָרט נישט מסכים זיין. און — מיט׳ן גאַנ־

צען דרך־ארץ פאַר דער גרויסקייט פונ׳ם „רב הראשי״ אליין! — וועט זי בשום אופן נישט דערלאָזען אז מען זאָל למשל פאַרשפּרייטען די באַהויפּטונג אַז אלע **זיינען ליגנער, אַז** אלע רבנים און ראשי ישיבה אין ארץ ישראל זיינען ענגהאַרציגע פּאַרטיי־מענשען, **זיי** אַלע **פאַרדרעהען דעם אמת, און אז** ס׳איז בלויז פאַראַנען איין־איינציגע באַגלויבטע פּערזאָן, **נאָר** איינער **איז פאַראַנען וועלכער זאָגט דעם אמת: דער** „רב הראשי״!...

מיט׳ן גאַנצען דרך ארץ פאַר׳ן „רב הראשי״ אליין וועט אגודת ישראל בשום אופן נישט מסכים זיין דערצו אז מען זאָל אָט דעם „רב הראשי״ וועל־כער איז בלויז דער רב הכולל פונ׳ם קהלה־ווועזען אונטער דער ציוניסטי־שער „אידישער אגענץ״, (**פאַר וועלכער ער איז טאַקע די רעליגיעזע אויטאָ־ריטעט**) ווענמענס ווידזשעס עס ווערען באַצאָהלט דורך דער זעלבער „אידי־שער אַגענץ״, **דער** „רב הראשי״ **וועלכער האָט** בלויז אַ פינף־יעהריגען קאָנ־טראַקט פון דער „אידישער אגענץ״, **וועלכער ווערט** דערוועהלט אַלס „רע־ליגיעזער פיהרער״, נישט דורכ׳ן דעת הקהל אין א״י, נאָר בלויז דורך די בן־גוריונס, משה שערטאקס און יצחק גרינבוימס, און ווענמענס „רבנות הראשית״ וועט זיך ענדיגען אינ׳ם מאָמענט ווען אָט די הערען פון דער „אידישער גאנעץ״ וועלען האַלטען אז דער „רב הראשי״ איז נישט מעהר פּאַסיג פאַר אזא פּאָזיציע, — קיינמאָל נישט וועט אגודת ישראל דערלאָזען אז מזרחי זאָל ארויס מיט אזא לעכערליכער באַהויפּטונג! קיינמאָל וועט אגודת ישראל נישט דערלאָזען אז מען זאָל פּרואווען (**אונטער׳ן פאַרפיהרע־רישען גלאַנץ פון אן ארץ ישראל ראבינאט**) צו געבען וועלט־אויטאָריטעט צו אזא רבנות, צו פאַרשפּרייטען דעם איינדרוק אז דאָס אזוי געלויבטע און גערימהטע „רבנות הראשית״ אין ארץ ישראל איז די איינציגע וועלט־אויטאָ־ריטעט, ווען אין ווירקליכקייט איז עס (**טראָץ די פּערזענליכע גדלות פונ׳ם „רב הראשי״!**) נישט מעהר ווי א פּאַרטיי־ענין, א רבנות בלויז פאַר א טייל אידען אין ארץ ישראל, אַ פּאַרטיי־זאַך, א „אידישע אַגענץ״־אינסטרומענט!!!...

(**כדי צו אילוסטרירען די גרינדליך באַרעכענטע פאַרפיהרערישקייט פון אַ מאַכטזוכענדע „אידישע אגענץ״** (ועד לאומי) **אונטער׳ן דעקמאַנטעל פון דאָס אזוי־גערופענע „רבנות הראשית״ איז זיכער זעהר באַדייטונגספול צו דערמאָהנען וואָס פאַר אַ שטורם דער פלאַן פון אַזאַ „רבנות הראשית״ האָט זיינערצייטס ארויסגערופען אין דער גאַנצער רעליגיעזער וועלט, און אַז** די גדולי ישראל האָבען געהאָט ארויסגערופען אַ טאָג פון „צום ותפלה״

אינ׳ם טאָג ווען אַט דער „רבנות הראשית״ פון דער „אידישער אַגענץ״ איז געגרינדעט געוואָרען !!!)

אגודת ישראל אָבער שרייט אַז דער רוב מנין ורוב בנין פון די גדולי ישראל בכל מקום שהם זיינען די באַרעכטיגטע, אויטאָריטאַטיווע און עהרליכע מנהיגים פונ׳ם כלל ישראל, וועלכע מיינען נישט זיך נאָר בלויז טובת הכלל! נאָר זיי, די גדולי ישראל, זיינען עס די פיהרער פונ׳ם אידישען פאָלק! זיי אליין און נישט די הערען פון דער אַגענץ.

(און איז למשל נישט גאַנץ סימפּטאָמאַטיש אַז ציוני־ און מזרחי־פיה־רערס האָבען אין א לעכערליך קורצער צייט דערגרייכט אַ הערליכען מצב פון וואוילשטאַנד און עשירות, ווען, פון דער אנדערער זייט, די פיהרער פון דער וועלט־אגודה, טראָץ זייער באַקאַנטען אורשפּרינגליכען רייכטום, זיינען צוגעקומען צו אַ העכסט־באַדויערליכען מצב פון פרנסה בדוחק, און אפשר דאָס אויך נישט?...)

אָהן רחמנות האָט אגודת ישראל גענומען באַקאַנטמאַכען דעם אמת. ניטאָ קיין אָרט פאַר רחמנות און ווייכהאַרציגקייט ווען עס האַנדעלט זיך ווע־גען דער צוקונפט פונ׳ם אידישען פאָלק, ווען עס האַלט ביי שיצען אידען קעגען אַן אינערליכען, גייסטיגען שונא!

„כי יסיתך אחיך״, ווען עס וועט דיך איבעררעדען דיין ברודער, אַן אייגענער, און ער וועט זאָגען צו דיר „נלכה ונעבדה אלהים אחרים״, ער וועט קומען צו דיר מיט נייע עבודה־זרות, פון „די פעלקער וועלכע זיינען ארום אייך״, דאַן זאָגט אונז די תורה נישט נאָר אַז „דו זאָלסט איהם נישט גלייכען, און הער זיך נישט איין צו אים״, נאָר גלייכצייטיג אויך אַז „עס זאָל דיר קיין שאָדען זיין ווענען איהם, ולא תחמול, האָב קיין רחמנות״, און דער עיקר, „ולא תכסה עליו״! ווער נישט מיטאַמאָל א גוטער, א צדיק׳ל וואָס טראַכט צו פאַר־באַהאַלטען דעם שרעקליכען אמת, ווייל ער איז דיינער א ברודער.

ניין, זאָגט די תורה, פאַרבאַהאַלט נישט דעם אמת! פאַרקערט, ברייננ ארויס דעם אמת אין דער עפענטליכקייט! זאָלען אידען וויסען וואָס פאַר אַ געפאַהר עס באַדראָהט זיי אונטער דער פיגור פון א ברודער אָדער אַ פריינד! זאָלען זיי וויסען פון ווענמען זיך צו היטען!

אזוי האָט די תורה אונז געלערענט!

און שרייט טאַקע אגודת ישראל אז ס׳איז נישט קיין פראַגע פון אויפ־טון! מיט׳ן נאַקעטען פאַקט פון שאַפען און אויפטון, מיט׳ן באַווייזען אַז די

ארבייט אין ארץ ישראל איז געווען סוקסעספול און געלונגען, מיט אָט די אַלע פאַקטען (אפילו ווען זיי זאָלען גאַר זיין אמת!) קען ציוניזם זיך אָבער בשום אופן נישט רעכטפאַרטיגען און מאָטיווירען!

פאַלשע נביאים.

אפשר זיינען זיי טאַקע נביאים, אָבער מעהר ווי נביאים זיינען זיי דאָך זיכער נישט, און „ווען עס וועט אויפשטעהן צווישען דיר א נביא אָדער חלם חלום", זאָגט די תורה, „ונתן לך אות או מופת", ער וועט נישט קומען מיט ליידיגע הענד און פרעגען פון דיר בלינדע געהאָרכזאַמקייט, נאָר מיט אותות ומופתים וועט ער זיך באַווייזען, „ובא האות והמופת אשר דבר אליך", און די אַלע וואונדער, די אַלע איבערנאַטירליכע זאַכען וועלכע ער האָט דיר צוגע־זאָגט האָט ער זיי אויך טאַקע דערפילט, ס'איז אַלץ אויסגעקומען ווי ער האָט דיר מבטיח געווען, — נאָר איין קלייניגקייט האָט ער געטאָן, איין זאַך האָט ער געזאָגט: „נלכה אחרי אלהים אחרים!". די נסים ונפלאות זיינע האָט ער באַ־וויזען כדי אז דו זאָלסט איהם פאָלגען און געהן דינען פרעמדע געטער, פרעמדע אידעען און וועלט־אנשויאונגען, דאַן זאָגט די תורה קאַטעגאָריש און קלאָהר: „לא תשמע אל דברי הנביא ההוא או אל חולם החלום ההוא!". אמת טאַקע אותות ומופתים, אָבער צו דיר האָט עס נישט! ווער ווייס מיט וואָס פאַר אַ כח ער איז פעהיג דאָס אַלץ צו באַווייזען?... דו אָבער, בויג זיך נישט פאַר פאַקטען און אויפטואונגען. נישט היי־וועס און פרדסים טאָרען האָבען אַן איינ־פלוס אויף דיין אנטשיידונג! פאַר דיר, איד, איז די פראַגע נישט וואָס דער נביא אָדער חולם חלום טוט, נאָר וואָס ער וויל פון דיר! איז עס ג־ט'ס וועג, דאַן געה! וויל ער דיך אָבער פיהרען אויף פרעמדע וועגען, דאַן הער נישט! לאָז אָפּ פון איהם! — — ער קען זיין א נביא, אפשר פארמאָגט ער גאַר אַ ספעציעלען כח, אָבער ער איז אַ נביא שקר! דער כח זיינער איז נישט קיין אידישער!!!

אַזוי שרייט אגודת ישראל און אזוי וועט זי ווייטער שרייען! ווייל מיר זיינען אַ תורה פאָלק, מיר זיינען ג־ט'ס פאָלק! — און נאָר מיט ג־ט און תורה קען אונזער פאָלקס־לעבען געבויט ווערען!

אלעס אנדערע, מאָמענטאַן קען עס גאָר אויסזעהן ווי הצלה און גאולה, מיר ווייסען אָבער אַז ניטאָ פאר'ן אידישען פאָלק קיין רעטונג אחוץ תורה. פאַרטריבען פון אונזער היים זיינען מיר צוליב אונזערע חטאים. גלות איז

איבער דאָס אידישע פאָלק געקומען צוליב׳ן אָפּרייסען זיך פון תורה, און נאָר דורכ׳ן צוריקגעהן צו אָט דער תורה, דורכ׳ן ווידער אויסבויען זיך צו אַ גע־הייליגט פאָלק, א ממלכת כהנים וגוי קדוש, אַ פאָלק פון גייסט און ישיבה, אַ פאָלק וועלכעס געהט אין די שריט פון די גדולי התורה והיראה, נאָר אויף דעם וועג קען דאָס אידישע פאָלק געהאָלפען ווערען!

קענען אַלע שרייען און שטורמען, מעגען זיי גאָר ליארמען און זידלען, אגודת ישראל וועט זיך אָבער נישט אָפּשטעלען! זי ווייס אז ציוניזם איז נישט מעהר ווי אַן עפּיזאָד, אַ צייטווייליגע פאַרווילדערונג אינ׳ם אידישען פאָלקס־קערפּער, וועלכע קאָסט אונז אָבער לײדער זעהר טייער!

שוין גאַנץ שמאָל האָט עס אַמאָל געהאַלטען מיט די אויסזיכטען אויף אַ אידישער מלוכה. אין די לעצטע יאָהרען פאַר׳ן אויסברוך פון דער היינטי־גער מלחמה איז שוין כמעט ווי גאָרנישט געווען פאַרבליבען פונ׳ם גאַנצען חלום. דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אליין האָט זיינערצייטס דערקלעהרט אַז די האָפענונגען האָבען אונז לײדער אנ־טוישט. ער אליין האָט נישט מעהר געזונגען זייער ליד פון „תקוה", אָבער... דאָס גרויסע נס איז געשעהן!... אונערוואַרטעט שנעל איז אויסגעבראָכען אַ צווייטע וועלט־מלחמה, ווידער אַמאָל האָט זיך אָנגעהויבען דער שמועס וועגן גרעניצען און לענדער, ווידער הערט זיך דאָס שרייערישע רעגירונגס־לשון פון גלות־רעגירונגען וועלכע געפינען זיך אויך אויף פרעמדען באָדען, און... צוזאַמען מיט זיי, צוזאַמען מיט די מפוזר ומפורד׳יגע נישט־אידישע שטאַטסמענער האָבען אויך די ציוניסטישע פיהרערס ווידער געפונען אַן אונ־ערהאַפטע אָבער איינציגאַרטיגע געלעגענהייט פאַר דער אויפלעבונג און מעג־ליכער פאַרווירקליכונג פונ׳ם אידישען מלוכה־פּלאַן.

אָבער נישט אַזוי פּשוט! מיר אידען האָבען נישט אַזא לייכט לעבען. נישט נאָר די פרומע נאָר אפילו אויך די פרייע נישט. דער פאַקט איז אז מיר אידען קענען נישט שטעלען קיין טענקס הינטער אונזערע פאָדערונגען, ווי די איבעריגע גלות־רעגירונגען. ווי שטענדיג וואַרטען מיר אויך איצט אויף יושר, מאָהנען גערעכטיגקייט, און, ווידער וואַרט מען אויפ׳ן וועלטס־געוויסען און די שטאַטסמענער, ווידער הייסט מען אידען וואַרטען און האָבען געדולד, און ווידער אַמאָל (געננוי ווי דעמאָלט!) איז דער ציוניסטישער פּרעזידענט געווען געצוואונגען אָוועקצושטעלען דעם גאַנצען ארץ ישראל־חלום אויף אַ הילכתא־למשיחא־ניוואָ, אָדער, מיט זיינע אייגענע ווערטער (אַדרעסירט צו

חלוצים אין ארץ ישראל) אז ער איז „איבערצייגט דאָס אמווייניגסטענס די יונגערע צווישען אייך וועלען האָבען די פּריווילעגיע צו לעבען אין א אידי־שער מדינה".

ווי עס זאָל אָבער נישט זיין, צי עס וועט זיך איינגעבען אָדער נישט, צי די גרויסמאַכטען פון דער ערד וועלען באַשליסען צו געבען אַ גרעסערע אָדער קלענערע טעריטאָריע פאר א אידישען שטאַט אָדער נישט, — פאַר'ן אידישען פאָלק איז ציוניזם דאָך נישט מעהר ווי אַן עפּיזאָד, אַ פּאַסאַזשע.

געוועזען אַמאָל קראים, געוואָלט האַלטען בלויז תורה שבכתב און נישט הערען צום וואָרט פון די חכמים, האָבען זיי געמיינט אז די וועלט איז זייערע.

געוועזען העלעניסטען, אימפּאָרטערס פון גריכישער קולטור און קונסט, האָבען זיי געהאַלטען אז אָט־אָט האָבען זיי דאָס גאַנצע אידישע פאָלק היג־טער זיך.

געוועזען שבתי צבי'ניקעס, געוועזען פראנקיסטען, — — אָבער, ניטאָ מעהר! קיין זכר פון זיי פאַרבליבען! שוין לאַנג זיינען זיי פאַרשוואונדען! — ווער געדענקט זיי נאָך?...

מאַכט דאָס אידישע פאָלק אויך היינט דורך אַ שרעקליכען אסימילאַ־ציע־פּראָצעס, האָבען זיך אויך היינט דערהויבען נייע מנהיגים מיט נייע שיטות, ווילען זיי, געגנוי ווי דעמאָלט, אוועקפיהרען דאָס אידישע פאָלק אויף נייע, פרעמדע וועגען; דוכט זיך אויך היינט, געגנוי ווי דעמאָלט, אַז פאַר־לוירען איז דער עתיד פון תורה־אידענטום, דאן ווייסען מיר אָבער דאָך (גע־לערענט האָט עס אונז די טויזענדיעהריגע אידישע היסטאָריע) אַז קומען וועט א צייט, אפשר און האָפענטליך גאָר גיכער ווי מען רעכענט, און קיין זכר וועט נישט מעהר זיין פון די היינטיגע אסימילאַנטען און רעפאָרמערס! בלויז אין אַלטע שריפטען און מאַנוסקריפּטען וועט מען זיך דערמאָהנען וועגען זיי. אָבער „אתם, הדבקים בד' אלקיכם, חיים כלכם היום". איהר, די אידען וועלכע האַלטען זיך אָן תורה און אידישקייט, איהר, די שוואַכע און מאַכטלאָזע אָרטאָדאָקסיע, איהר וועט נאָך דעמאָלט לעבען און אָפּשפּעטען פון זייערע אַמאָליגע שטאָלצע רעפאָרם־פּרעטענציעס.

אגודת ישראל טאָר נישט שווייגען.

אָט דאָס ווייס אגודת ישראל, דעריבער האָט זי זיך נישט אָפּגעשטעלט, און דעריבער וועט זי זיך נישט אָפּשטעלען! נישט שרעקענדיג זיך פאַר

קיינעם האָט זי און וועט זי ווייטער קעמפען פאר'ן תורה־כאַראַקטער פון אונ־זער פאָלק, קעגען די פאַלשע נביאים, קעגען די מהרסים ומדיחים, קעגען די אריינברייגגערס פון פאַלשע נישט־אידישע שיטות און לעבענס־אויפפאַסונ־גען, אין וועלכער פאָרם און אין וואָס פאַר קליידעל זיי זאָלען נישט דערשיינען.

נישט שרעקענדיג זיך פאר קיינעם האָט אגודת ישראל און וועט זי ווייטער ארויסשרייען דעם אידישען אמת. — אידען מוזען וויסען אז ציו־ניזם — צוזאַמען מיט איהר שותף, די מזרחי! — איז נישט קיין הייליגע, גוטינקע וועלפאַר־אָרגאַניזאַציע, נאָר א שיטה פון אסימילאַציע און פאַר־פרעמדונג, אַ קאָפּיע פון אייראָפּעאישען נאַציאָנאַליזם! איהר אויפגאַבע און שטרעבען איז נישט צו העלפען, אויסצולייזען און צוריק אויפצובויען דאָס עקזיסטירענדע אוראַלטע עם ישראל, נאָר, פאַרקערט, צו שאַפען אַן אַנדער פאָלק, א ניי, מאָדערן אידיש פאָלק, ככל הגויים! — נישט אין ארץ ישראל, נאָר אין אַ וועלטליכען פּאַלעסטינעזישען שטאַט!

דעריבער קען אגודת ישראל נישט איינגעהן אויף קיין גוטמוטיגער און טאָלעראַנטפולער פאראייניגונג. ניטאָ קיין אחדות־צו־יעדען־פּרייז! און זיכער נישט קיין אחדות ביי וועלכען תורה מוז נאָכגעבען!

טראָצדעם וואָס די מזרחי קומט שטענדיג ווידער מיט די זעלבע אויסגעדראָשענע משכילישע „אייזערנע ראיות" פון תנ"ך אז מיר טאָרען און מוזען יאָ צוזאַמענגעהן מיט'ן ציוניזם. (ראיות וועלכע הייסט עס זיינען נישט געווען באקאנט צו די גרינדער פון אגודת ישראל, א ר' חיים בריסקער זצ"ל, דער חפץ חיים זצ"ל, ר' חיים עוזר גראָדזענסקי זצ"ל, דער גערער רבי שליט"א א. א. וו. נאָר בלויז צו איניגע מזרחי־פיהרער און צייטונגס־שרייבער!...) דאָך קען אגודת ישראל, די מחנה פון די חרדים על דבר ד', נישט געהן צוזאַמען מיט דער ג־טלאָזער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע און איהר מזרחיסטישער פראַקציע!

אויב אחדות און פאראייניגונג מיט מזרחי, דאן איז דאָס נאָר ווי עס איז שטענדיג ערקלעהרט געוואָרען: אויב די מזרחי וועט ארויסטרעטען פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אויב זי וועט פון זיך אַראָפּוואַרפען דעם בלוטיגען שאַנדפלעק פון פאַרברידערונג מיט און אונטערוואָרפענקייט אונ־טער דער ג־טלאָזער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ערשט דאן קען מזרחי זיך אַנשליסען צו דער אָרגאַניזירטער אָרטאָדאָקסיע, אונטער דער פיהרערשאַפט פון די גדולי התורה.

אודאי איז נישט געשמאַק ווען עס שאַפט זיך דער איינדרוק אז אגודת ישראל וויל נישט קיין **אחדות! זיכער איז נישט געשמאַק אויב מען ווייס אַז** אַט דער איינדרוק ווערט קינסטליך און מוטווילינג געשאַפען, דערהאַלטען און פאַרשפּרייט דורך אַט די אָרגאַניזאַציעס וועלכע קענען טפּעס געווינען ביים באַשמוצען פון׳ם כבוד פון אגודת ישראל. — **פּאַרט אָבער וועט אגודת ישראל מוותר זיין אויף איהר אייגענעם כבוד און פּאָפּולאַריטעט, קיינמאָל אָבער נישט אויפ׳ן כבוד התורה.**

נישט שרעקענדיג זיך פאַר קיין שום פאַרלוימדונגען און באַשמוצונ־גען וועט זי ווייטער קעמפען דעם קאַמף פאַר אמת און קלאָהרקייט. וויל אידען מוזען וויסען דעם אמת! שוין גענוג לאַנג האַט מען זיי פאַרפיהרט און אָפּגענאַרט! אידען מוזען וויסען וואָס מיר זיינען און וואָס מיר מוזען זיין, סיי אַלס יחידים און סיי אַלס פאָלק!

אידען מוזען וויסען אַז עס איז שקר, ס׳איז כזב און מוטווילינע דעמאַ־גאָגיע ווען מען קומט זיי איינרעדען אז מען קען זיין א ציוניסט און דאָך בלייבען געטריי צו דער תורה הקדושה!

בשום אופן נישט! מען קען נישט גלויבען אין ד׳ אחד און גלייכצייטיג פאַרלייקענען זיין תורה אינ׳ם טאָג־טעגליכען לעבען! מען קען נישט בעטען „השיבה שופטינו כבראשונה״ און זיך גלייכצייטיג אונטערוואַרפען אונטער דער פיהרערשאַפט פון פושעים באלקי ישראל! מען קען זיך בשום אופן נישט רופען אַ פרומער איד און צו זעלבער צייט שטיצען אַט די וועלכע פאַרלייקענען און טרעטען תורה און כבוד חכמים מיט די פיס!

מען קען נישט הייסען „בני ישראל״ און גלייכצייטיג פיהרען זיך לויט אַן אַנגעוואָרפענער קאָנגרעס־מאַיאָריטעט פון פערזאָנען וועלכע האָבען שוין לאַנג איבערגעריסען מיט סיני און מורי׳, וועמענס בית המקדש שטעהט נישט אויפ׳ן הר הבית נאָר אויפ׳ן הר הצופים!

אָדער מען אנערקענט תורה פאַר אבסאָלוטער, אָבליגאַטאָרישער אוי־טאָריטעט אין יעדען פרט ופרט פונ׳ם עפענטליכען און אינדיווידועלען לע־בען פון אידען און מען שטעלט זיך אונטער דער פיהרערשאַפט פון די גאוני ישראל, אָדער מען הערט אויף צו מאַניפּאָלירען מיט אידישע, הייליגע לאָ־זונגען, הערט אויף זיך צו פוצען און באַשיינען מיט א פאַרפיהרערישען דעק־מאַנטעל פון תורה און אידישקייט!

אהין אָדער אהער!

געגוג שוין אָפּגעגאַרט!

זאָל מען ענדליך ווייזען דעם אמת, אזוי ווי ער איז!

עס לאָזט זיך דאָ נישט שפּילען מיט פּאַראורטיילען און באַקוועמליכ־קייטס־שיטות! עס האַנדעלט זיך נישט וואָס דער זעהר עהרווירדיגער מיס־טער פּרעזידענט פון דער־אָדער־יענער קאָנגרעגיישאָן זאָגט, אָדער צי די חשוב'ע דאַמען פון דער ליידיס אָקזילערי גלייכען גיכער א מזרחי פאַר זיי־ער סערמאָן־ראביי!

נישט וועגען דעם האַנדעלט זיך. ס'איז פּשוט אַ פראגע פון אמת און אויפריכטיגקייט, און גאָרנישט מעהר! — ווי אזוי איז דער אידישער —, דער תורה־שטאַנדפּונקט? איז דער ציוניזם גוט אָדער שלעכט, מותר אָדער אסור?...

אָט וועגען דעם האַנדעלט זיך, און ניטאָ קיין אָרט פאַר אָפּנאַרעריי און שקר!

עס האַנדעלט זיך וועגען אידען, מוז דאָס אידישע געוויסען אויפגע־טרייסעלט ווערען. — אידען מוזען וויסען אז עס האַנדעלט זיך וועגען זיי, וועגען דאָס אידישע פאָלק אליין! דער קאַמף פון אגודת ישראל מיט'ן ציוניזם איז קיין פראַגע פון פּאָליטיק אָדער פּאַרטייאישקייט! עס האַנ־דעלט זיך וועגען קיום האומה, וועגען די עיקרים פון אמונה, וועגען דעם נצח ישראל אליין!

דער קאַמף איז אַ קלאָהרער! צי וועט דאָס אידישע פאָלק פאַרוואַנ־דעלט ווערען אין אַ פאָלק ככל הגויים, וועט מען דערלאָזען אַז אין ג־ט'ס לאַנד און אין אַנדערע לענדער זאָלען געבויט ווערען פעסטונגען קעגען געט־ליכקייט, וועט מען לאָזען ארויסרייסען דאָס עם ד' פון זיין טויזענדיעהריגען היסטאָרישען יסוד, אָדער וועלען מיר זיך אַנטקעגענשטעלען, וועלען מיר זיך אָננעהמען פאר קנאת ד' צבא־ות, לעזרת ד' בגבורים!

עס האַנדעלט זיך וועגען אידען, וועגען דער צוקונפט פונ'ם אידישען פאָלק, מוזען אידען זיין קלאָהר וועגען דער געפאַהר! באַוואוסטזיניגקייט און

שטאָלצקייט מוזען איינגעפלאַנצט ווערען! אידען מוזען טאקע וויסען דעם אמת! — דעם אמת׳ן אמת.

דעריבער טאָר אגודת ישראל נישט שווייגען, און דעריבער וועט זי אויך נישט שווייגען!

דעריבער וועט אגודת ישראל — ווי אַמאָל דער שבט לוי און די נביאי ישראל — שטעהן מיט קנאית׳דיגען מוט און אַנטשלאָסענקייט אינ׳ם קאַמף פאר׳ן אידישען פאָלק, דער קאַמף פאר תורה, אונזער צוקונפט.